STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06151

TOLSTOY, LENIN UN GANDI

Walentin Bulgakow

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואַלענטין בולגאַקאָוו

טאָלסטאָי, לעניןאון גאַנדי.

ייִדיש:

א. מ. און ש. שיינמאַן.

פאַרלאַג „אונדזער בוך"

וואַרשע 1931

WALENTIN BUŁGAKOW
TOŁSTOJ, LENIN i GANDI
przeł.: E. M. i Sz. SZEJNMANOWIE
WYDAWNICTWO „NASZA KSIĄŻKA“
WARSZAWA 1931

אויף אונדזער גורל, אויפן גורל פון דור פון סוף XIX-טן און אנהייב XX-טן יאָרהונדערט איז אויסגעפאַלן אַן אויסער-געוויינלעך שווערע און אחריותפולע אויפגאַבע אנטיילצונעמען אָדער לכל-הפחות עדות צו זיין פון געשעענישן, וועלכע האָבן על פי יושר פאַררעכנט ווערן פאַר געשעענישן פון אַלוועלט-לעכער באַדייטונג.

די עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן, שטעלט מיט זיך פאָר פון איין זייט אַן עפּאָכע פון וועלט-קאַטאַקליזמען — מלחמות און רעוואָלוציעס, פון דער אַנדערער זייט — אַן עפּאָכע פון ניי-געשאַפענע אידייען און פון נייע נביאים.

איינע פון די גרעסטע קאַטאַקליזמען — צום גליק שוין דורך אונדז איבערגעלעבט — איז, פאַרשטייט זיך, געווען די שרעקלעכע וועלט-מלחמה 1914—1918, די גרעסטע בלוט-באַד פון אַלע מלחמות, וועלכע איז ווען עס איז געווען אויף דער ערד, א מלחמה, וועלכע האָט איינגעשלונגען נישט קיין צענדליקער און נישט קיין הונדערטער טויזנטער, נאָר מיליאָנען מענטש-לעכע קרבנות.

ווי אַלע בכלל געגומען גרויסע וועלט-קאַטאַקליזמען, איז אויך די וועלט-מלחמה אַנטשטאַנען נישט פּלוצלונג און נישט אומדערוואַרטעט. זי איז געווען צוגעגרייט און אַרויסגערופן

געוואָרן דורך דער פּריערדיקער אַנטוויקלונג פון גייסטיקן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן פון די פעלקער.

דאָס איז נישט געווען קיין צופעליקע קאַטאַסטראָפע, ווי אן ערד=ציטערניש אָדער א פאַרפלייצונג, נאָר א בהדרגהדיק רייף=געוואָרענע קאַטאַסטראָפע פון א באַשטימטער אָרדנונג פון אַלאייראָפּעישן לעבן, וועלכע האָט א לאַנגע צייט עקזיסטירט און איז אונטערגעשטיצט געוואָרן באַוווּסטזיניק דורך באַוווּסטזיניקע מענטשן. די וועלט=מלחמה איז געווען א מין פאַטאַלער חשבון, וועלכן די געשיכטע און דער גורל האָבן אַרויסגעשטעלט צום באַצאָלן דער אייראָפּעיש=באַנקראָטירטער און נישט עקזיסטענץ באַרעכטיקטער ציוויליזאַציע. די מלחמה האָט אויפגעדעקט אַלע סתירות פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע האָט זיך אונדז ביז נאָך גאָר נישט לאַנג אויסגעדוכט געזונט, שיין און שלמותדיק.

גלייכצייטיק האָט די וועלט=מלחמה אויפגעוועקט דעם איינגעשלאָפענעם געוויסן פון א גרויסן טייל פון דער מענטשהייט; זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן סדר=היום פראַגן, ווי אַזוי צו ענדערן, ווי איבערצובויען דאָס אַלגעמיינע לעבן אויף אַזאַ אופן, כדי אויסצומיידן אין עתיד אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס, ווי אַזוי אויסצוגלייכן די פאַרשיידענע סתירות און ווי צו געפינען אן אויסוועג פון אַלע שוועריקייטן. אָט דער אומדירעקטער רעזולטאַט — די אַלגעמיינע אויפוואַכונג פון די מוחות און דאָס אָנגעשטרענגטע זוכן די בעסטע מיטלען אויף צו פאַרריכטן די אַלטע טעותים — שטעלט מיט זיך, בלי ספק, פאַר אויב נישט די פּאָזיטיווסטע רעזולטאַטן פון דער וועלט=מלחמה.

דער איצטיקער גייסטיקער צושטאַנד פון דער מענטשהייט איז, פאַרשטייט זיך, דער וואַקלדיקער צושטאַנד פון זוכעניש, בלאָנדזשעניש און פון אַדורכלייגן נייע בעסערע וועגן.

עס איז שווער צו לעבן מיט אַזאַ ירושה אויף די פּלייצעס, ווי די זכרונות פון די אומגליקלעכע בלוט־פאַרגיסונגען און אַכזריותן פון די לעצטע 15 יאָר. לאָמיר אָוועקגיין פון דעם פון דער ירושה. לאָמיר אַנטלויפן פון אַלטן לעבן, לאָמיר אויסגלייכן אונדזער וועג! לאָמיר אָנהויבן אַלץ פונדסניי! פאָרויס, פאָרויס! אַזוי רופט די נשמה פון דער היינטיקער מענטשהייט. עס איז נאָר אַ שאלה: וווהין און ווי אַזוי צו גיין? בעלי־עצות און ראַטן זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן זייער אַ סך און מיינונגען זיינען דאָך אַלע מאָל פאַרשיידנהאַרטיק, טאָ וווּ זשע ליגט דער אמת?

צווישן די אַלע, וואָס זוכן, וואָס רופן און ראַטן, צווישן די אַלע וואָס טייטשן, געבן צו פאַרשטיין און זאָגן צו, טיילן מיר נישט ווילנדיק אויס אָט די דריי, די מער באַדייטנדיקע, כאַראַקטעריסטישע און באמת נביאישע געשטאַלטן ווי טאָלסטאָי, לענין און גאַנדי.

מיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע פאַרשיידנהאַרטיקייט פון אַלע מעגלעכע תשובות וועגן די נייע וועגן, וואָס עס דערוואַרט דער מענטשהייט אין דער צוקונפט, קען מען טאַקע געפינען אין די ענטפערן פון אָט אָ די דריי מער בולטע אין אונדזער עפּאָכע מנהיגים פון דער מענטשהייט.

פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די ענטפערן — אָנשויאונגען פון די אָנגערופענע דורך מיר דריי נעמען, אָביעקטיוו פאַר=

גלייכן, אָפּשאַצן ניכטער די תשובות און מאַכן די נויטיקע מסקנות — אַט האָט איז אונדזער ציל.

די עלטערע פון אונדז געדענקען נאָך געווים האָט באַווייזן זיך פון טאָלסטאָיען דעם מאָראַליסט אין די 80=ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. האָט איז באמת געווען עפּעס גרויסעס, באמת פּראַכטפולס איבערהויפּט ביי אונדז אין דער אָרעמער, אָפּגעשטאַנענער ווייניק=קולטורעלער רוסלאַנד, דערצו נאָך אין דער צייט פון א שרעקלעך=פּאָליטישער רעאַקציע, וועלכע איז דאַן געווען אַן אויסנאַם אַפילו פאַר א זעלבסטהערשערישן רעזשים.

שוין אַלס באַרימטער שרייבער, מחבר פון די באַוווסטע ראָמאַנען „מלחמה און שלום”, „אַננאַ קאַרעניִנאַ”, אַן אַריסטאָקראַט און גביר לויטן שטאַם, וואַרפט טאָלסטאָי פּלוצלונג אַוועק דעם קינסטלער פענזל און באַוואָפנט זיך מיט דעם שווערד פון א נביא. צוגלייך מיט אַלע נביאים, האָט טאָלסטאָי, דערפילנדיק אין זיך דעם באַרוף פון אויבן, געוואָלט איבערגעבן די מענטשן דעם ריינעם, אָן פּניותדיקן אמת דורך פּשוטע נאָר הערבאַר שטאַרקע און באַדייטנדיקע ווערטער, אַמאָל מיט אַ גראָב=וואולגאַרער אַמאָל מיט נאַיוו=קינדישער אָבער שטענדיק מיט אַ טיף רירנדיקער שפּראַך.

מיטן גאַנצן כוח פון זיין שרייבערישן טאַלאַנט און צוזאַמען מיט זיין אמת און אומנמיטלבאַרקייט האָט זיך טאָלסטאָי אַרויפגעוואָרפן אויפן שקר, וועלכער האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. עס האָבן זיך באַוויזן איינע נאָך דער צווייטער און א סך הינזיכטן נאָך ביז איצט נישט קיין אָפּגעשאַצטע ביכער: „דער ווידוי”, „אין וואָס באַשטייט מיין

גלויבן", „טאָ וואָס זאָלן מיר טאָן?", „די קנעכטשאַפט פון אונדזער צייט", „גאָטס ממשלה איז אין אונדז" און אַנד. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די ביכער זיינען געווען פאַרווערט צום דרוקן, האָבן זיי דאָך דערוואָרבן אַן אַלרוסישן פרסום.

פונקט ווי דאָס רעווען פון אַ לייב אין דער מדבר, אַזוי האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד די מעכטיקע שטימע פון גרויסן יאסנאַ-פּאָליאַנישן לייב און ס'איז שווער געווען נישט אַרונטערצופאַלן אונטער זיין השפּעה.

איינציקן אָבער, איז פון די וואָס באַדאַרפן, פאַרשטאַנען געוואָרן די סכנה פון דער שטימע און אָט האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געגעבן אויף טאָלסטאָיען.

עס האָט זיך צו אים אַ נעם געטאָן די קירכע און אַרויסגעלייגט אים אין חרם דערפאַר, וואָס שטיצנדיק זיך אויף דער עוואַנגעליע און אויף די קריסטלעכע באַגריפן וועגן גאָט אַלס ליבע און „וועגן דינען אים בלב ונפש" האָט טאָלסטאָי אָפּגעוואָרפן יעדע פאַרמיטלונג פון די דריטע פּערזאָנען צווישן גאָט און מענטש, יעדער אויסערלעכע פּראַכט און ליטורגישן צערעמאָניאַל פון עבודת-הבורא; אָפּגעוואָרפן די דאָגמע און די „סודות", פעסטגעשטעלטע נישט דורך קריסטוסן נאָר דורך די חסידים זיינע, וועלכע האָבן אים נישט פאַרשטאַנען; פאַראורטיילט די רייכקייט פון דער קירכע און די גלייכגילטיקייט אירע צו די אָרעמע און דעמאַסקירט דעם בונד צווישן מלוכה און קירכע און די גייסטיקע אָפּהענגיקייט פון דער קירכע-אָרגאַניזאַציע, וועלכע לעבט אויפן חשבון פון דער מלוכה.

גלייכצייטיק האָט זיך די מלוכה אַ וואָרף געטאָן אויף טאָלסטאָיען פאַר דעם, וואָס ער האָט אויפגעוויזן, ווי אונטערן מאַנטל פון שיצן דאָס פאָטערלאַנד, ווערט עקספּלואַטירט די אָרעמע, אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג לטובת דער נישט פיזיש-אַרבעטנדיקער, „פּאַראַזיטישער" לויט טאָלסטאָיס שטאַנדפּונקט, מינדערהייט. דערפאַר, וואָס ער האָט פאַראורטיילט יעדן וואָפן און אָנגעוויזן אויף דעם אַנטיקריסטלעכן כאַראַקטער פון יעדער פאַרגוואַלטיקונג, שנאה און מלחמות צווישן פעלקער.

די רייכע ווידער האָבן פאַרפאָלגט טאָלסטאָיען פאַר זיין רופן צו סאָציאַלער גלייכהייט און אויך פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַרן גאַנצן לאַנד בולט אויפגעדעקט בילדער פון דער הערשנדער אין רוסלאַנד נישט־גלייכהייט און הימל-שרייענדער אָרעמקייט פון דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג.

די פאָרשטייערס פון דער וויסנשאַפט האָבן נישט געקענט מוחל זיין טאָלסטאָיען, וואָס דעם „ואהבת לרעך כמוך" האָט ער געשטעלט העכער פון פּרינציפּ „וויסן צוליב וויסן". זיי זיינען געווען שטאַרק געטראָפן דורך דער אָנווייזונג פון טאָלסטאָיען, אַז אין די עקזיסטירנדע באַדינגונגען פאַרנעמט זיך די וויסנשאַפט, באַזונדערס סאָציאָלאָגיע, יוריספּרודענץ און אויך די טעכניק און מעדיצין מיט חנפענען די הערשנדע קלאַסן און גבירים און מיט באַרעכטיקן די אונטערדריקער לגבי די אונטערדריקטע.

די קינסטלערס זיינען געווען קעגן טאָלסטאָיען דערפאַר וואָס ער האָט זיי געשטערט צו פירן אַ רויקן, זאָרגלאָזן לעבן, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון פּרינציפּ „קונסט צוליב

קונסט", ווייל ער האָט אָפּגעלייקנט די קונסט אַלס ווילטאָג פון ליידיקגייערס און אָוועקגעשטעלט פאר דער קונסט אַ הויכן ציל פון דערנענטערונג און פאראייניקונג פון מענטשן אין געפילן פון ברודערשאַפט, ליבע און גוטסקייט.

פון דער צווייטער זייט האָט די ראַדיקאַלע רוסישע אינטעליגענץ אויך נישט געהאַלטן פון טאָלסטאָיען דעם נביא, ווייל לויט זייער מיינונג, האָט ער איר געשטערט אין דער פּאָליטישער באַפרייאונגס-אַרבעט פון לאַנד. פאר טאָלסטאָיען איז די פּאַרטיי שנאה געווען מער נישט ווי אַ קאַמף הורד מיאוסע אופנים פאר אַ שיינעם ציל. און איבערהויפּט איז דער רעוואָלוציאָנערער טעראָר, פאר וועלכן מ'האָט דאַן אין רוסלאַנד שטאַרק קורע ברד געווען אים אַזוי דערווידער, פונקט ווי די אכזריות פון דער רעגירונג צו אירע שונאים, ווי די פאַרשיקונגען, אַרעסטן און טויט-שטראָפן פון די רעוואָלוציאָנערן. הן דאָ, הן דאָרטן האָט ער נישט געפונען נישט קיין מענטשן און נישט קיין מענטשלעכקייט. סיי דאָ, סיי דאָרטן האָט ער מער נישט געזען ווי פערזענלעכע, עגאָאיסטישע לעבנס-צילן. אויב מ'זאָל מקריב זיין מיט דער עוואַנגעליע און מיט דער ליבע צו מענטשן, צו אַלע מענטשן אָן אויסנאַם, טאָ וועלכער אַנדער לעבן איז פאַראַן, וועלכער זאָל באַרעכטיקן דאָס באַנוצן פון גוואַלדטאַטן און פאַרברעכנס?

איינצלנע יחידים אידעאַליסטן, אַ קליינער קרייז פריינט פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט האָבן אונטערגעשטיצט טאָלסטאָיען. נאָר ווען אַפילו עס זאָל אינגאַנצן קיין שום אונטערשטיצונג נישט געווען זיין, וואָלט טאָלסטאָי אַליין

געווען פעלזנפעסט אויסגעהאַלטן העם הרוק פון שונא. כוחות האָט גאָט אים געשענקט נישט ווייניק, צו גאָט אָבער פלעגט ער זיך ווענדן נאָר אין מינוטן פון שוואַכקייט.

די קריטישע זייט פון מאַלסמאָס תורה איז אויסער־געוויינלעך שטאַרק. זיין ערלעכקייט און טיפקייט האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אומברחמנותדיקן שופט פון זיין צייט. אַגב אַנערקענען האָט אַפילו די, וועלכע נעמען אָן די אויסערלעכע קריטישע זייט פון זיין תורה און לייקענען אָפּ די איבערלעך־פּאָזיטיווע לאָגיש־קריסטלעכע זייט. איך רעד דאָ וועגן רעוואָ־ליוציאָנערן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער פּאָזיטיווער זייט פון מאַלסמאָס וועלט־השקפה, קען זי, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געבן מענטשן מיט אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט־אָנשויונג. דערפאַר אָבער איז זי אַזוי פאַרשטענדלעך און קלאָר דעם רעליגיעז־גייסטיקן מענטשן. מאַלסמאָ איז גערעכט, ווען ער ווייזט אויף, אַז דעם מענטשנס נשמה איז ביי אַלע באַדינגונגען דער צענטער, די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך אַלץ אין דער וועלט. פון די מענטשן גופא הענגט אָפּ דאָס גליק פון דער וועלט. די פאַר־פולקאָמונג — דער גרונט יסוד פון מאַלסמאָס קאַטעכיזיס — מוז אויך אין דער צוקונפט פאַרבלייבן איינע פון די נויט־ווענדיקע הויפּט־עיקרים פון אַ רייִנעם מענטשלעכן לעבן. כדי דאָס לעבן זאָל בעסער ווערן, דאַרפן מיר אַליין זיך אויסבע־סערן. אויב מיר וועלן נישט מאַכן איבער זיך די גייסטיקע גיים־טיקע אָנשטרענגונג, אויב מיר וועלן זיך נישט אויסלערנען צו באַהערשן, באַגרענעצן אונדזערע באַדערפעניש, אָפּהאַלטן זיך פון שלעכטס, דערציען אין זיך געפילן פון ליבע און ברי־

דערלעבקייט צו אַנדערע מענטשן, לעבן מער פֿאַרן גייסט ווי פֿאַרן גוף — וועלן אונדז נישט העלפֿן נישט קיין כּוחות פֿון הימל אָדער גיהנום און נישט קיין רעוואָלוציעס.

דערגרייכנדיק אַפֿילו אַן אויסערלעכע באַפֿרייאונג, וועלן מיר פֿאָרט בלייבן שקלאַפֿן פֿון אונדזערע ליידנשאַפֿטן. און ביי אינערלעכער שקלאַפֿעריי פֿון יעדן יחיד איז שוין אוממעגלעך אַן אַלגעמיינער אידעאַלער לעבן וועגן וועלכן מענטשן טרוימען און חלומען אַזוי לאַנג. ווידער פֿאַרקערט — ווער ס׳האָט דערגרייכט אַזאַ אינערלעכע באַהערשונג פֿון זיינע כּוחות און פֿאַרלאַנגען — דעם וועט שוין האָם איבעריקע „צוגעלייגט״ ווערן. אַזאַ מענטש וועט זיין דערווירקלעכער מיטגליד פֿון דער צוקונפֿטיקער בעסער־איינגעאָרדנטער געזעלשאַפֿט.

„אונדז הויכט זיך — זאָגט טאָלסטאָי, — אַז די אמתע אַרבעט באַשטייט נאָר פֿון עפּעס קאָנקרעטעס ווי בויען אַ הויז, האַקערן די ערד, פֿאַשען די בהמות און די אַרבעט איבער דער אייגענער נשמה איבער דעם, וואָס מיר זעען נישט, איז נישט קיין וויכטיקע, דאָס הייסט אַזוינס וואָס מ׳קען יאָ טאָן און מ׳קען נישט טאָן. אין דער אמתן אָבער איז נאָר די אַרבעט די ריכטיקע און די אַלע איבעריקע זיינען וויכטיק נאָר דאַן, ווען עס ווערט אָפּגעטאָן די הויפּט־אַרבעט״.

„מ׳דאַרף זיך באַמיען נישט נאָר צו טאָן גוטס נאָר צו זיין אַ גוטער, נישט נאָר באַמיען זיך צו לייכטן נאָר בעסער צו זיין ריין. דעם מענטשנס נשמה לעבט ווי אין אַ גלעזערנער כּלי און אָט די כּלי קען דער מענטש פֿאַרשמוצן און קען אויך האַלטן ריין. אויף וויפֿל ס׳איז ריין די גלאָז פֿון דער כּלי אויף

אַזוי פיל לייכט הורך איר די ליכט פון אמת, לייכט אי פאר זיך, אי פאר אַנדערע. און דעריבער איז די הויפט־ארבעט פון מענטשן דאָס אינערלעכע, דאָס ריין האַלטן פון זיין כלי. פאראומרייניק זיך נישט און דיר וועט זיין ליכטיק און דו וועסט לייכטן אויך פאר אנדערע מענטשן".

,,זייער אָפט קלערן מיר און זאָגן, אז ביי די באדינגונגען אין וועלכע איך געפין זיך איצט, קען איך נישט טאָן אַלץ וואָס מ'באַדאַרף. ווי נישט ריכטיק דאָ איז! די אינערלעכע ארבעט, וועלכע איז דער יסוד פון לעבן איז שטענדיק מעגלעך. דו ביסט אין טורמע, דו ביסט קראַנק, דו האָסט נישט קיין מעגלעכקייט צו טאָן עפעס אויסערלעכע ארבעט, מ'באַליידיקט דיך, מ'מאַטערט דיך — אָבער דאָס אינערלעכע לעבן איז אין דיין רשות, דו קענסט אין דיינע רעיונות מוסרן, משפטן, מקנא זיין, פיינט האָבן מענטשן און דו קענסט אויך הערשטיקן אין זיך אָט די געפילן און פארבייטן זיי אויף גוטע, אַזוי, אַז יעדע מינוט פון דיין לעבן איז דיינע און קיינער קען זי ביי דיר נישט צונעמען".

און אָט פון די ווערטער רעדט צו אונדז ארויס די הכמה. מיר מוזן דאָס מודה זיין.

דאָס לעבן אָבער באַגנוגט זיך נישט בלויז מיט איין גייסטיקער ארבעט. דער מענטש לעבט נישט נאָר גייסטיק נאָר אויך פיזיש. ער לעבט אין געזעלשאַפט. טאָ ווי זשע שטעלט זיך פאָר טאָלסטאָי פראקטיש אין דער צוקונפט אָט די בעסערע איינריכטונג פון לעבן?

ער שטעלט עס אונדז אינגאנצן נישט פאָר. פאָראויס-

זאָגן דעם סדר איז שווער. און דאָס מאַקע באַפרידיקט אונדז נישט.

נאָך אַ פראגע, צו איז נישטאָ אַ חוץ זעלבסטפארפולקאָמונג עפּעס אַנדערע מעטאָדן, וועלכע זאָלן דערנענטערן דאָס אָנקומען פון אַ מער העכערע און יושרדיקע געזעלשאפטלעכע אָרדנונג, באַגרענעצן די עקספּלואַטאַטאָרס, פארזיכערן די אינטערעסן פון די עקספּלואַטירטע און פארהיטן די איצטיקע מלוכות פון מלחמה סכּנות? ניין — זאָגט טאָלסטאָי — קיין שום ריכטיקע מיטלען א חוץ אינדיווידועלער זעלבסטפארפולקאָמונג, פון וואָס עס איז אָפּהענגיק די פארבעסערונג פון דעם גאנצן מענטשלעכן מאַטעריאל, איז נישטאָ. די זעלבסט־שלמות — דאָס איז דער אלפאַ און אָמעגא, דער איינציק זיכערער מיטל אויף צו פארבעסערן נישט נאָר דאָס פערזענלעכע, נאָר אויך דאָס סאָציאלע לעבן.

און אין דער אמתן, האָט זיך טאַקע טאָלסטאָי באַצויגן נעגאַטיוו צו יעדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אפילו פון פרידלעכן כאַראַקטער. ער אַנערקענט דאָס אָפּזאָגן זיך פון מיליטער דינסט צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען, אויסשליסלעך ווי א פערזענלעכער אַקט אַלס אויסדרוק פון געוויסן.

טאָלסטאָי איז בכלל גלייכגילטיק צו יעדער אויסערלעכער איינאָרדנונג. שולדיק אין דעם איז די איינזייטיקע ספּיריטואַליסטישע ריכטונג פון זיינע געדאַנקען. לויט זיין שיטה פארדינט אין אלגעמיין נישט דאָס אויסערלעכע לעבן מ'זאָל אַזוי פיל זאָרגן פאר איר איינאָרדנונג. אַמער אונדזער גאַנץ אויסערלעך לעבן איז מער נישט ווי א געשפּענסט. דער גרונט פון

אמתן לעבן — איז דאָס גייסטיקע און דער מהלך פון גע־בוירן ביזן טויט איז מער נישט ווי אַן אויגנבליק.

מ'דאַרף זאָגן, אַז וואָס לענגער טאָלסטאָי האָט געלעבט און געדענקט, אַלץ טיפער און שטאַרקער האָט זיך פאַר־פעסטיקט ביי איס אָט דער רעליגיעזער אָביעקטיוויזם, אָט די איבערצייגונג אין דער נישטיקייט פון אונדזער קיום דאָ אויף דער ערד.

ווען אין 1910־טן יאָר האָט אונדזער פּלאַנעט געדראָט, לויט די השערות פון אַסטראָנאָמען, אַ קאַטאַסטראָפע פון דער דורכגייענדיקער קאָמעטע גאַליי, האָט טאָלסטאָי גע־שריבן צו זיין געוועזענעם סעקרעטאַר נ. נ. גוסעוו, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען פארשיקט אין פערמער גובערניע:

„דער געדאַנק וועגן דעם, אַז אַ קאָמעטע קען פאַר־משעפּען די ערד און חרוב מאַכן איר, איז מיר געווען זייער אָנגענעם. און פאַרוואָס זאָל מען נישט דערלאָזן צו אַזאַ מעג־לעכקייט? און אויב אַזאַ זאַך קען ווירקלעך געשען, דאַן ווערט דאָך באַזונדערס קלאָר, אַז אַלע אונדזערע מאַטעריעלע דער־גרייכונגען האָבן קיין שום ווערט נישט. דאָס גייסטיקע לעבן ווידער קען אַזוי צעשטערט ווערן מיטן חרוב ווערן פון דער ערד ווי דאָס לעבן פון דער וועלט — דורכן טויט פון אַ פליג און אפשר נאָך אַ סך ווייניקער. מיר גלויבן אָבער נישט אין דעם נאָך דערפאַר, ווייל מיר געבן אַ צו גרויסע חשיבות דעם מאַטעריעלן לעבן".

און — ווייטער — מיר קענען זיך בוקן פאַר דער הרייסט־קייט, טיפקייט, חכמה און הויפּטזעכלעך פאַר דער אויסגע־האַלטנקייט פון טאָלסטאָיס געדאַנקען. ווען מיר ווילן אָבער

צוגיין צו אים נישט ווי צו א מעטאפיזיק, וועלכער האלט נישט פון „עולם־הזה" נאר ווי צו א סאציאלאג, וועלן מיר ווידער דערפילן א באשטימטע נישטבאפרידיקונג צוליב די צו ענגע און צו אבסטראקטע פארמולעס פון מאלסטאיען. עס פעלט עפעס אין מאלסטאיס קאנצעפציע. מ'דארף איר מיט עפעס דערגענצן.

אלנפאלס נאך דעם, וואס מיר האבן דורכגעלעבט אין די לעצטע יארן (איך האב אין זינען טאקע נאר די וועלט־מלחמה און די רוסישע רעוואלוציע) איז געווארן שווערער נאכגיין נאך מאלסטאיען און נאר נאך אים.

אין הסכם מיט „מאלסטאיס" דאגמע, איז דאס נישט באטייליקן זיך פון א מענטשן נישט אין דער מלחמה, נישט אין דער רעוואליוציע און אין קיין שום זאך נישט, וואס זאל זיי אומדירעקט אונטערשטיצן שוין גענוג אויף צו פילן זיך לגמרי רויק און דער עיקרשט נישט טראגן קיין אחריות פאר די אלע אכזריותן, וואס זיינען פארגעקומען און אויך פאר דעם, אז זיי קענען זיך איבערחזרן אין דער נאנטער צוקונפט. אין דער אמתן אבער איז די פאראנטווארטלעכ־קייט א סך גרעסער, טיפער און שווערער און מיר מוזן מודה זיין, אז מאלסטאיס „נישט קעגנשטעלן זיך" און „גארנישט טאן" איז נאך ווייניק. עס איז נויטיק עפעס אן אקטיווער ארויסטריט קעגן מלחמה און רעוואליוציע, דערצו נאך דארף ער זיין ווי ווייט מעגלעך אן ארגאניזירטער בשותפות מיט אנדערע ברידער מענטשן, וועלכע דענקען און פילן אלצאיינס.

נאר... ווי נאר איך זאג ארויס אט די ווערטער — וועגן „אקטיווימעט" „ארגאניזירטקייט" און וועגן „געמיינזאמע

מעשים" מיט אַנדערע מענטשן, דאַן ווער איך שוין במילא אויס „טאָלסטאָיער". די דאָגמע פון טאָלסטאָיען און אפילו דאָס ברייטע פארשטיין פון טאָלסטאָיס תורה דערלאָזט נישט און ווייסט נישט פון אַזעלכע „אַקטיווויטעטן", „אָרגאַניזאַציעס" און „געמיינזאַמע מעשים". דאָס איז אַ פאַקט וואָס מ'קען אים נישט אָפּלייקענען. מיר בלייבט דעריבער אָדער זיך אָפּ־זאָגן פון נאָמען „טאָלסטאָיער", אָדער זיך אָפּזאָגן פון צו גיין פריי לויט די דרכים, וועלכע עפענען זיך פאַר מיר. זעלבסט־פארשטענדלעך, אז איך וועל גיכער אויסקלייבן דאָס ערשטע, דאָס הייסט זיך אָפּזאָגן פון נאָמען „אויסגעהאַלטענער טאָל־סטאָיער". בעסער איז צו בלייבן מיטן אמת ווי דו פארשטייסט אים, איידער מיט דער אָדער אַנדערער דאָגמע אָדער סעקטע.

דאָך אין וואָס גייט עס? צו וועל איך אפשר צושטיין צו די רעוואָלוציאָנערן און צו בין איך נישט געוואָרן קיין לענינסט?

ניין. נישט דאָס!

אָמער איך ווי אַ רעליגיעזער מענטש בין אינגאַנצן מסכים מיטן פרינציפּ פון גוואַלדלאָזיקייט, וועלכע טאָלסטאָי פּרעדיקט. האַקעגן ביי לענינען איז דאָך אַלץ באַגרינדעט אויף גוואַלדטאַטן.

לענין! אַט איז אַ נאָמען, וועלכער איז מיט 12—15 יאָר צוריק כמעט אינגאַנצן נישט געווען באַוווּסט נישט נאָר אין דער גרויסער וועלט, נאָר אפילו אין רוסלאַנד גופא און איצט האָט ער פארשטעלט מיט זיין באַרימטקייט נישט נאָר אַנדערע נעמען, נאָר אפשר אויך טאָלסטאָיס נאָ־מען.

אין שטורם און דראַנג פון דער רעוואָלוציע איז אויפגעשוווּמען דער נאָמען לענין און איז געוואָרן נישט קוקנדיק אויף קיין זאַך דער סימבאָל פון בונט און פּראָטעסט, דער סימבאָל פון משוגענער שנאה צו עקספּלואַטאַטאָרס און יעדער אַרט אונטערדריקערס, דער סימבאָל פון אַן אומבּרחמנותדיקן קאַמף פאַר די רעכט פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע. זוכנדיק כּלערליי וועגן פון יושרדיקער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכע באַציִונגען קענען מיר שוין לענינען נישט אויסמיידן און מיר מוזן זיך מיט אים רעכענען.

לאָמיר זיך נענטער באַקענען מיט אָט דער דערשיינונג.

לענין האָט זיין תורה גענומען ביי מאַרקסן און ענגעלסן, נאָר ער האָט אויף זיין שטייגער אויסגעטייטשט זייערע דאָקטרינעס און מעגלעך, אַז מאַרקס און ענגעלס וואָלטן נישט אַנערקענט לענינען אַלס זייער תלמיד.

אוליאַנאָוו־לענין, איבערטראָגנדיק אויפן רוסישן באָדן די טיפּיש־מערבדיקע דאָקטרינע, וועלכע איז אין תוך גענומען אינגאַנצן פרעמד דעם רוסישן גייסט, איז בפרט פאַרבליבן דער זעלבער אייגנהאַרטיקער רוסישער מענטש און דערצו נאָך דער רוסישער אינטעליגענט. מ׳מוז מודה זיין, אַז דער, וואָס ס׳האָט זיך אַליין געהאַלטן און אויך אַנדערע האָבן אים געהאַלטן פאַר דעם עקסטרעמסטן אויסדרוק פון פּאָזיטיוויזם און רעאַליזם, איז אין דער ווירקלעכקייט געווען דער גרעסטער אידעאַליסט און אפילו פאַנטאַזיאָר. אמת, אַז רוסישע אידעאַליסטן זיינען כאַראַקטערלאָזע, גוטע מענטשן. לענין אָבער איז נישט געווען כאַראַק־

טערלאָז און נישט קיין גוטער. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס טאָטערישעס. געווים האָט דאָס טאָטערישע בלוט, ווי דאָס איז צו זעען פון זיין אויסערלעכן אויסזען מיט אַרויסגע־שטאַרטע סקולעס און מיט קליינע, עטוואָס קרום געשטעלטע אויגן, געפלאָסן נאָך אין די אָדערן פון זיינע אבות — סימ־בירער פריצים — א דערשיינונג א גאנץ אָפטע אין רוסלאנד, וווּ דער 300 יאָריקער מאָנגאָלישער יאָך האָט אין אלגעמיין געלאָזט נאָך זיך באדייטנדיקע שפּורן. אָט אין דעם זין מוז נאָך צו לעגינם כאראקטעריסטיק אַלס א רוסישע דערשיי־נונג צוגעגעבן ווערן אָט וואָס: ער איז אייגנטלעך געווען נישט קיין רוסישער, נאָר אַזיגערופענער עווראזיער, א מין בלוט און קולטור־מישונג פון אזיע און אייראָפּע. מאַרקס לערע האָט זיך טאַקע צוגעפּאסט צו דעם זין פון עווראזיע: די נוד־נע מערבדיקע ציפערן האָט ער אָבער אָנגעצונדן מיטן פלאם פון אלין־אויסטריקנדיקן, אַלץ אויסברענענדיקן מזרחדיקן פאַ־נאַטיזם.

לענין — דאָס איז נישט קיין לערער און נישט קיין פּרעדי־קער פון מאָראל. דאָס איז געווען אַ כּוח. ס'איז אָבער שווער צו זאָגן, צו דער כוח איז געווען א גוטער צו א שלעכטער, פון גאָט אָדער פון טייוול. דאָס איז געווען א נוקם ונוטר וועמען דער שיקזאַל אַליין האָט אויסגעוויילט כדי נקמה צו נעמען פון די אַלע אונטערדריקער פון די אַלע שוין פון הונדערטער יאָרן באלעבאטים פון דער ערד, פון די אַלע, וועלכע האָבן, לויט דעם וואלגארגעוואָרענעם רעוואָלוציאָנערן אויסדרוק „גע־זויגן דאָס בלוט פון פאָלק". ער איז געווען נישט דער ערשטער און געווים אויך נישט דער לעצטער נקמה־נעמער, נאָר געווים

איינער פון די שטארקסטע און אפשר איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

געוויס האט לענין מיט זיין דערשייגען פולשטענדיק אנט־שפראכן די נויטבאדערפעניש פון זיין צייט: דעם שי־גען פון דער וועלט אין פערטן יאר פון דער שרעקלעכער בלוט־באד. ער האט בארעכטיקט און האט ארויסגערופן א גאנצן ים פון פרישע אכזריות, אבער שוין רעוואלוציאנערע, נקמה־נעמנדיקע; אויב אבער ער האט דערביי אויסגענוצט די שרעקלעכע נאכמלחמהדיקע פארווילדונגען פון די פאלקס־מאסן, דאן דארף מען נישט פארגעסן, אז טאקע פאר אים האט געארבעט אויך די גרויסע אנטוישונג, וועלכע די מענטשן האבן אנגעזאמלט אין זיך, זיצנדיג 4 יאר אין די אקאפעס — די אנטוישונג אין די אלטע אידייען, סיסטעמען, פירערס און רעגירונגען. א! דאס איז שוין איינמאל געווען א „באקוועמע" און שרעקלעכע סיטואציע! זאל שוין גאט היטן זי זאל זיך נאכאמאל איבערחזרן!

אין קעגנזאץ צו טאלסטאיען דעם קריסט, אינדיווידו־אליסט און קעגנער פון יעדן דרוק און צוואנג איז לענין א מאטעריאליסט, קאלעקטיוויסט און רעוואליוציאנער.

ווי אזוי לענין האט זיך באצויגן צו טאלסטאיען, קען עדות זאגן די פראכטפולע, לויט דער לאגישקייט און סטילים־טישער פארהונגדערונג, ציטאט פון זיין קליינעם חיבור „לעוו טאלסטאי אלס שפיגל פון דער רוסישער (פויערישער) רע־וואליוציע" (1908).

„די סתירות אין די מיינונגען, שאפונגען פון טאל־סטאים שול — שרייבט לענין — זיינען פשוט שרייאיקע.

פון איין זייט, דער געניאַלער קינסטלער, וועלכער האָט געגעבן נישט נאָר אומפאַרגלייכלעכע בילדער פון רוסישן לעבן נאָר אויך ערשטקלאַסיקע שאַפונגען פון דער וועלט=ליטעראַטור, פון דער אַנדערער זייט — אַ פריץ וועלכער האָט זיך נאַריש געמאַכט מיט זיין כריסטוסעם לערע. פון איין זייט אַ זעלטן שטאַרקער, אוממיטלבאַרער און אמתדיקער פּראָטעסט קעגן געזעלשאַפטלעכן שקר — פון דער אַנדערער זייט אַ „טאָלסטאָיער״ ד. ה. אַ שמאַטע, אַ היסטערישע קלאָג=מוטער, אַזויגערופענער רוסישער אינטעליגענט, וועלכער שלאָגט זיך עפנטלעך על חטא אין האַרצן און זאָגט: „איך בין אַ שלעכטער, איך בין אַן עקלהאַפטער, נאָר איך פאַרנעם זיך מיט מאָראַלישער זעלבסטפאַרפולקאָמונג; איך עס מער נישט קיין פלייש און דערנער זיך איצט נאָר מיט רייז=קאָטלעטן״. פון איין זייט אַן אומבּרחמנותדיקע קריטיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און רעוואָלאַציע פון די מלוכהשע פאַרגוואַלדיקונגען, קאָמעדיעס פון געריכטס=וועזן און מלוכה=אָרדנונג, דאָס אויפדעקן אין דער גאַנצער ברייט די סתירות צווישן וווקס פון עשירות און דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאַציע און צווישן דעם וווקס פון אָרעמקייט, ווילדקייט און כלערליי ענוים פון די אַרבעטער מאַסן, פון דער אַנדערער זייט דאָס נאַרישע פּרעדיקן פון „נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס״ מיט גוואַלד. פון איין זייט דער ניכטערסטער רעאַליזם, דאָס אַראָפּרייסן יעדער מאַסקע פון אַלץ און פון אַלעמען; פון דער אַנדערער זייט — דאָס פּרעדיקן איינע פון די סאַמע מיאוסטע זאַכן, וואָס נאָר עס קענען זיין אויף דער וועלט, דהיינו: רעליגיע, — דאָס שטרעבן צו פאַרבייטן די

גלחים פון די רעגירונגס=שטעלעס אויף גלחים לויט זייער מאָראַלישער איבערצייגונג, ד. ה. קולטיווירן א קאַסטע ראַפינירטע כלי=קדש.

לעגין ווערט אַנטציקט פון טאָלסטאָיען און גלייכצייטיק קען ער אים נישט פארלײדן.

איך מיין, אז אויך לעגינען קען מען איינצייטיק ליב האָבן און פיינט האָבן. ליב האָבן פאר דעם גרויסן מיטגעפיל צו אלע אונטערדריקטע און פאר זיין פעלזן=פעסטער אמונה אין זיין זאך און פיינט האָבן — פאר זיין נישט פארשטיין די ווערט פון מענטשן אלס אזעלכן, אומהאָפּהענגיק צו וועלכן קלאַס אָדער פארטיי ער געהערט און פאר זיין גרענעצלאָזער שנאה און אכזריות צו די וועמען ער האָט געהאַלטן פאר שונאים פון זיין זאך.

ס'איז שוין איינמאָל א ציטאַט! געוויס קען מען אזעלכע ערטער ווי די חוצפּהדיקע באציונג צו דער רעליגיע אַלס „איינע פון די מיאוסטע זאכן, וואָס זיינען נאָר פאראַן אויף דער וועלט” אַדורכגיין מיט א שמייכל. עס איז דאָך אָבער פאָרט פאַראַן אין לעגינס אנטיטאָלסטאָי=ציטאַט א קערנדל אמת! — „איך בין שלעכט, איך בין עקלהאַפט, נאָר איך פארנעם זיך מיט מאָראַלישער זעלבסט=פארפולקאָמונג, איך עס מער נישט קיין פלייש און דערנער זיך איצט מיט רייז=קאָטלעטן”.

צו טאָלסטאָיען גופא קענען, פארשטייט זיך, די ווערטער זיך נישט באציען. צו דען אָבער האָבן מיר מיט אייך, ליבע לעזער, נישט באגעגנט אַזעלכע מענטשן? צו דען האָט זיך פון זיי נישט געטראָגן צו אונדז א שרעקלעכער אומעט, פול מיט טויטקייט און מיט גאָרנישטקייט? עס לוינט נישט

באמת צו פאַרטיידיקן אַזעלכע פּאָזיציעס, פּאָזיציעס פון רייז=
קאָמלעטן, זאָל זיין אַפילו קעגן לענינען!

לענינס אידעאַל, אויב מ'זאָל אים נאָר אַנוואַרפן אין
אַלגעמיינע שטריכן איז אייגנטלעך זייער ענלעך צום אידע=
אַל פון טאָלסטאָיען: א געזעלשאַפט אָן צוואַנגס=מאַכט, אַל=
געמיינע גלייכהייט און קיין שום צעטיילונג פון קלאַסן,
קיין שום ערד אייגנטום און אַ לעבן פון אייגענער פּראַ=
צע. ס'פאַרשטייט זיך, אז ס'איז פאַראַן א חילוק, וועלכער
איז אָפּהענגיק פון לענינס מאַטעריאַליסטישער וועלט=השקפה
און פון טאָלסטאָיס רעליגיעזער וועלט=באַנעמונג. אויסער דעם
זיינען לענינס פּאָליטישע פאָרמולן א סך פולער, דייטלעכער
און באַשטימטער פון טאָלסטאָיס אומקלאָרע פאַרלאַנגען.
און דאָך קען מען אָן גרויסע שוועריקייטן דערפירן די כאַ=
ראַקטעריסטיק פון דעם נאָך זייער ווייטן געזעלשאַפטלעכן אי=
דעאַל פון ביידע דענקערס און קעמפערס פאַר א בעסערע
צוקונפט צו דער אַלטער קלאַסישער פאָרמולע, וועלכע איז
פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רע=
וואָלוציע „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

און אויב אַנדערע קעגנערס פון טאָלסטאָיען ווילן אומבאַ=
דינגט אים באַשולדיקן אין אלץ, וואָס לענין האָט אויפגעטאָן אין
רוסלאַנד, קענען זיי זיך טרייסטן מיט דעם, אַז אָט דער ווײ=
טער אידעאַל פון איינאָרדנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט
אויף התחלות, וועלכע זיינען נאָך פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך
דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט באמת צוגעצויגן צו
זיך הן לענינען הן טאָלסטאָיען. די באַשולדיקער פון טאָלסטאָ=
יען דאַרפן דערביי געדענקען, אז ביז לענינען, ביז טאָלסטאָ=

יען און ביז דער פראגצוויזישער רעוואָלוציע זיינען די יסו־דות פון דעם זעלבן אידעאַל אוועקגעלייגט געוואָרן דורך איין גרויסן בוך, וועלכער הויבט זיך עוואנגעליע.

און האָס איז טאַקע די זאַך, וואָס די האַפענונגען פון אַלע בעסערע מענטשלעכע גייסטער זיינען בערך שטענדיק איינע און די זעלבע. און אויב מ'רירט אָן די פראגע, וועלכע מיר האָבן אוועקגעשטעלט אין אָנהויב פון אָט דעם ביכל דהיינו: וווהין און ווי צו גיין? איז אויף דער ערשטער טייל פון דער פראגע: וווהין? ענטפערן אלע אומגעפער האָס זעל־בע, דערפאר אָבער אויף דער צווייטער טייל ווי? זיינען די תשובות פארשיידן.

די ענטפערן וועגן די אופנים ווי צו דערגרייכן דעם אידעאַל אָדער די שטרעבונג צו אים זיינען אויך פארשיידן הן ביי טאָלסטאָיען הן ביי לעניגען.

אין הסכם מיט דער עוואנגעליע, רעדט טאָלסטאָי וועגן דערגרייכן א בעסערן לעבן דורך יעדן איינציקן מענטשלעכן ווען. ער רעדט וועגן „גאָטס־ממשלה", וועלכע איז „נישט דאָ און נישט דאָרטן" נאָר „געפינט זיך אין אונדז גופא" און וועלכע וועט קומען נישט מיט רעש נאָר אומבאמערקטער־הייט. דעריבער טאַקע איז אים פריער פון אלץ טייער דער מענטש אַלס אזעלכער, יעדער מענטש אָן אויסנאַם. ער וועט נישט איבערטרעטן אַפילו איבער איין טויטן קערפער כדי צו דערגרייכן דעם צוקונפטיקן גליק פאר מיליאָנען. דער מענטש — דאָס איז א מיקראָקאָסם. הרגענען איין מענטשן איז אלץ איינס ווי הויבן די האַנט אויף דער גאנצער גאָטס יצירה. ביי דער מענטש, ביי דאָס מענטשלעכע לעבן זיינען הייליק,

און קענען פאר קיין פאל נישט דינען אַלס א מיטל צו דערגרייכן וואָס פאראַ ס'איז אויסערלעכן ציל. זיי זיינען — אַן און פאר זיך — דער ציל אליין.

לעניִן, להיפך האָט און זינען נישט דעם פערזענלעכן אינערלעכן אידעאַל, נאָר דעם געזעלשאפטלעך=אויסערלעכן. ער שטרעבט צו באפרייען דעם ארבעטער קלאַס. יעדער איינציקער מענטש שפילט ביי אים קיין ראָליע נישט. די בעסערע אָרדנונג דאַרף געבויט ווערן נישט „אין אונדז" צוליב עפעס אַ פסיכאָלאָגישער אינסטאַנץ, וועלכע איז אומפארשטענדלעך פאר דעם מאַטעריאליסט און אַטעיסט לענין, נאָר באַשייפערלעך דאָ אויף דער ערד, אויף אונדזער זינדיקער ערד. א בעסערע צוקונפט וועט נישט קומען אליין פון זיך און וועט נישט אַזוי לייכט זיך איינגעבן דעם ארבעטער קלאַס. פאר דעם דאַרף מען קעמפן און אין קאַמף, פארשטייט זיך, וואָלט געווען לעכערלעך צו שאַנעווען דאָס לעבן פון די שונאים, פון די זעלבע, וועלכע האָבן טאַקע געשאַפן אַזעלכע עקלהאַפטע באַדינגונגען פארן ארבעטער. זאָלן אומקומען צענדליקער, הונדערטער טויזנטער פון די שונאים, דערפאר אָבער וועט געראַטעוועט ווערן דער גאַנצער ארבעטער קלאַס — און טאַקע שוין אויף דור=דורות. עס קען נאָר שטיין די פראגע וועגן צוועקמעסיקייט פון די אָדער יענע מיטלען פון קאַמף אָבער לחלוטין נישט וועגן זייער בלומרשטער „מאָראַלישקייט" אָדער „אוממאָראַלישקייט". אַלץ איז גוט, אַלץ איז מאָראַליש, אַבי עס העלפט נאָר צו באפרייען דעם ארבעטער קלאַס. די אַמאָראַלישקייט פון לענינס לערע אין דער פראגע וועגן די קאַמפס=מעטאָדן פארן קאָמוניסטישן אידעאַל — אָט וואָס

עס הרגעט אַוועק די לערע און מאַכט איר אוממעגלעך אויפגענומען צו ווערן הורך א מענטשן, וועלכער האָט כאָטש די מינדסטע עמפינדלעכקייט וועגן מאָראַלן ווערט פון זאכן און באַציונגען.

די אמאָראַלישקייט ד. ה. די טעמפקייט צו פראגן פון מאָראַל אין פשוטן אַלגעמיין-מענטשלעכן באגריף איז געלעגן אין דער טבע פון לעניגען אַליין. עס איז באַוווסט, ווי אזוי עס איז פאָרגעקומען זיין ערשטער געזעלשאַפטלעכער אַרויסטריט. אין 1889 יאָר איז אין די וואָלגער גובערניעס פאָרגעקומען א טריקעניש און אן אומגערעטעניש. אויף דער זיצונג פון דאַמאָלסדיקן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אין סאַמאַרע איז באַטראַכט געוואָרן די פראגע ווי אַזוי צו העלפן דער הונגעריקער באַפעלקערונג. אַלע האָבן זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן פון פאָלקס-אומגליק און יעדער איינער האָט פאַרגעלייגט עפעס אַזוינס, וואָס זאָל מיטהעלפן דעם דערפאָלג פון דער זאַך, און אָט איז אויף דער פארזאמלונג אַרויסגעטראָטן דער ביז דאַן נאָך נישט באַוווסטער 19-יעריקער בחור וולאַדימיר אוליאַנאָוו, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז דער גאַנצער שומל פון הילף פאַר די הונגעריקע איז לגמרי נישט נייטיק און איז אַפילו שעדלאַך, ווייל ער וועט שאַפן ביי די פויערים א פאַלשע פאָרשטעלונג, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט און צאַרישע רעגירונג קענען אויף וועלכן עס איז אופן פארלייכטערן זייער גורל. ריכטיקער און רעוואָלוציאָנערער איז איבערצולאָזן די פויערים אויף גאָטס באַראָט און וואַרטן אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. די

פּאָליטישע רעזולטאַטן פון אַזאַ מין אַרט רעאַגירן קענען זיין א סך טיפער.

עס איז איבעריק צו רעדן ווי גרויס עס איז געווען די איבערראַשונג און ווי טיף באַליידיקט עס זיינען געווען די בייוועזנדע פון דעם אומדערוואַרטעטן פאָרשלאַג פון יונגן לעגין. דער פאָרשלאַג האָט, פאַרשטייט זיך, קיין אָנהענגערס נישט געפונען און הילף פאַר די הונגעריקע איז תיכף ומיד געגעבן געוואָרן.

מאַקסים גאָרקי דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן לעבינען, אז ווען ער פלעגט קומען צו אים בעטן פאַר די פאַרמשפטע צום טויט, האָט לעגין, שמייכלענדיק, זיך אָנגערופן צו אים:

— צו הוכט זיך אייך נישט, אַז איר פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקייטן, שטותים?... וואָס ווילט איר? צו איז מעגלעך א יושרדיקע באַציונג אין אַזאַ אומגעוויינלעך אכזריותדיקן קאַמף? „וואָס פאַרא זין האָט דאָ ווייכהאַרציקייט און רחמנות? זייט מוחל, מיר זיינען נישט אַזעלכע נאַראָנים!"

גאָרקי איז נאָך מוסיף, אַז אפילו נאָך דעם, ווי ער האָט שוין באַקומען פון לעניגען א הבטחה צו טאָן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר זיין מעגלעך אויף מציל צו זיין דעם אָדער יענעם מענטשן, איז ער פונדעסטוועגן שפּעטער געווירע געוואָרן, אז מ'האָט דעם טויט־אורטייל יאָ אויסגעפירט. גאָרקי באַטראַכט אַזעלכע האַנדלונגען אַלס נישט געוויסנהאַפטיקייט און פאַלשקייט מצד לעניגס מיטאַרבעטערס. עס איז דאָך פאַראַן א מיינונג צווישן די היסטאָריקער, אז אין אַזעלכע פאַלן

האָט אַפילו לענין אַליין געקענט זיך דערלויבן אַזעלכע „נישט קאָרעקטקייטן” מיט זיין פריינט גאָרקי.

„מיר דוכט זיך, אַז אים (לענינען) איז לחלוטין נישט אינטערעסאַנט דאָס אינדיווידועל־מענטשלעכע — זאָגט גאָרקי אויף אַ צווייטן אָרט. — ער קלערט נאָר וועגן פאַרטייען, מאַסן און מלוכות”.

טראָצקי האָט אין זיין בוך „לענין, מאַטעריאַלן פאַר א ביאָגראַפיע” וואָס ער האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט נאָך ערב אַרויסשיקן אים פון ראַטן־פאַרבאַנד אויך באַשטעטיקט, אמת אין א פאָרם פון באַגייסטערונג, די אויסערגעוויינלעכע אכזריותדיקייט פון לענינען. צייטנווייז האָט לענין אַליין, קעגן דער מיינונג פון אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, געפאָדערט און דערשלאָגן זיך צו דער פאַרשטאַרקונג פון טעראָר.

„גוט איז דער רוסישער מענטש און שווער איז אים זיך צו אַנטשליסן אויף אַקטיווע טאַטן פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר, נאָר פרובירן דאַרף מען!... צו דען רעכנט איר, אַז מיר וועלן אַרויסגיין זיגערס אָן דעם אכזריותדיקן רעוואָלוציאָנערן טעראָר?”...

לענינס מעטאָדן זיינען פראָבלעמאַטיש נישט נאָר פון שטאַנדפונקט פון מאָראַל, נאָר אַפילו פון שטאַנדפונקט פון צוועקמעסיקייט. אין דער ווירקלעכקייט האָט לענין שטאַרק געגלויבט, אַז די אָנגעווענדעטע הורך אים מיטלען ד. ה. הורך גרויזאַמע גוואַלד־מעשים וועט ער צווינגען די מענטשן אָנצונעמען זיין טעאָריע. ער האָט געוואָלט אָנבינדן די מענטשן דעם קאָמוניזם. ער האָט אָבער נישט געשטרעבט צו איבער־

ציינן זיי, אַז זיי זאָלן ליב קריגן דעם אידעאַל, וועמען ער האָט געדינט און אים פּריוויליק אָנגענומען. ער האָט, ווייזט אויס, אויף אַזאַ אופן זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו קיין ערנסטע רעזולטאַטן. דאָס אויפנעמען פון נייע אידייען גייט מיט אַן אַנדער וועג. נישט אומזיסט זאָגט עמנואל קאַנט, אַז יעדער געוואַלדטאַט קעגן אַלטע אידייען, מיינונגען און געוווינהייטן קען מען פאַרגלייכן מיט די מעשים פון אַ מענטשן, וועלכער, וועלנדיק אַרויסציען אַ שוואָק פון אַ בוים, האַקט מיט אַלע כוחות אין זיין קעפּל. ס'איז קלאָר, אַז דער שוואָק וואָלט אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעדרונגען אין בוים. ווייזט אויס, אַז אויך לענינען האָט זיך נישט איינגעגעבן מיט געוואַלד אויסצוראָטן פון די מוחות פון די אַזוי פיל אויסגעלימענע רוסן דאָס אַלץ, וואָס האָט געשטערט דעם מאָמענטאַלן און אַלגעמיינעם פאַרוואַנדלען זיי אין כשרע קאָמוניסטן. לענין האָט געהאַט שטאַרקע אמונה אין דעם אויסערלעכן כח פון אָרגאַניזאַציע, אין כח פון דער פּאַרטיי און אין כח פון דרוק און אַמווייניקסטן געגלויבט, אַז פריער פון אַלץ דאַרף דער מענטשן־מאַטעריאַל צוגעגרייט ווערן צום נייעם לעבן.

די לעזערס זיינען מן הסתם שוין באַקאַנט מיט דער קריטיק פון מאַרקסיזם פון באַקאַנטן בעלגישן סאָציאַליסט הענריך־דע־מאַן. אין אַרטיקלען און אין באַריכטן פון דע־מאַן ווערט זייער ריכטיק אָנגעוויזן, אַז די מאַרקסיסטישע און אויב אַזוי אויך די לענינשע דאָקטרינע אַנערקענט נישט אין אַ גענוגנדער מאָס די באַדייטונג פון מאָראַלישן עלעמענט אין קאַמף פון די קלאַסן; איר אויפמערקזאַמקייט ווערט אויסשליסלעך אָפּגעגעבן די מאַטעריעלע סטימולן און אינטערעסן.

מ׳האָט פאַרגעסן צו הייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון אַרבעטער קלאַס און מיט דעם אַליין האָט מען געעפנט אַ טירעלע פאַר אַ בורזשואזער השפעה אויף די פאַרשטייערס פון דעם קלאַס. איך וואָלט דאָס נאָך אַנדערש אויסגעטייטשט: אָנשטאָט צו דערהייבן דאָס מענטשלעכע אין אַרבעטער, האָט מען עס גראָדע אין אים דערשטיקט, איינגעפלאַנצט אין אים אַ פאַלשן געדאַנק, אַז אויסער ריין מאַטעריעלע חיהשע אינטערעסן עקזיסטירן נישט פאַרן מענטשן קיין אַנדערע. מיט אַזאַ לערע האָט מען אַנטוויקלט אין אַרבעטער נאָר עגאָאיזם, און מ׳האָט אין דער אמתן צוגעגרייט פון אים נישט קיין קאָמוניסט נאָר אַ בורזשוי.

און ווי אַזוי טאַקע האָבן געקענט מענטשן, וועלכע האָבן געשטעלט העכער פון אַלץ זייערע פערזענלעכע אינטערעסן שאַפן אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט? עס פאַרשטייט זיך, אַז אויסער אַ פיקציע, צוגעדעקט מיטן הויכן נאָמען פון קאָמוניזם האָבן זיי מער גאָרנישט געקענט שאַפן.

דער רעוואָלוציאָנערער מאַטעריאַליסט שטרעבט צו גלייכהייט און גערעכטיקייט קודם כל אויפן געביט פון מאַטעריעלן כאַראַקטער. דערביי רעגירט אין אים נישט דער באַוווסטזיין פון אינערלעכער גייסטיקער פאַרברידערונג מיט אַלע מענטשן, נאָר אַן עגאָאיסטישע שטרעבונג צו באַקומען אַ חלק פון אַלגעמיינעם טיש און נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל זיין קלענער ווי דעם שכנס חלק. אויף אַזאַ אופן שפילט די „גלייכהייט״ אין דעם פאַל נאָר ווי אַ מיטל אויף נישט אַרויסצולאָזן דאָס זייניקע.

אָפּלייקנדיק די גייסטיקע נאַטור אין מענטשן, קען אייגנטלעך דער רעוואָליוציאָנער=מאַטעריאַליסט נישט אנערקענען דעם צווייטן מענטשן אלס א ברודער ד. ה. א זון פון איינער און דער זעלבער געטלעכער סובסטאַנץ. דער צווייטער, מעג ער זיין א חבר לדעה איז פאָרט פאר אים נישט קיין ברודער, נאָר א חבר, א מיטגייער לויטן שטאַנד. און צו איז דאָס נישט כאראקטעריסטיש, וואָס אין קעגנזייטיקע באציונגען צווישן רעוואָליוציאָנערן ווערט נישט באנוצט דאָס וואָרט ברודער, נאָר „חבר”. עס ליגט טאַקע אין דעם א טיפער זין, ווייל לויטן עצם איז די רעוואָליוציאָנערע פארטיי=פארבינדונג אייגנטלעך נישט קיין ברודערשאַפט (אין ברודערשאפט מוז אומבאדינגט זיין דער גייסטיקער עלעמענט) נאָר חברשאַפט ד. ה. א פארייניקונג מיט פראקטישע, אויסערלעכע צילן. אין דער צייט ווען אמתדיקע ברודערשאפט קען נישט צעשטערט ווערן (ווייל זיין גרונט איז א גייסטיקער, וועלכער פארבלייבט אייביק) קען די חברשאַפט זיך צעפאַלן אין יעדער רגע, צו יעדער צייט, ווי נאָר עס צוגייען זיך די אלגעמיינע אינטערעסן פון די, וואָס שאפן אָט די „חברשאַפט” און מיר זעען דאָס טאַקע שטענדיק...

ניין, נאָר ברידער לויטן גייסט, נאָר מענטשן, וועלכע אנערקענען דעם גייסטיקן אָנהויב אַלס יסוד פון לעבן, זיינען פעיק זיך אָפּצוזאָגן פון אלץ און שאַפן א קאָמונע. די קייט קען נאָר דאַן זיין פעסט, ווען יעדער רינגעלע איז שטאַרק, אָדער ווי ס'זאָגט הערבערט ספענסער „ס'איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן אָט די פּאָליטישע אַלכעמיע, לויט וועלכער מיר זאָלן קענען פון בלייענע אינסטינקטן באשאפן עפּעס גוטס”. געווים

איז לייכטער צו רעגירן מיט מענטשן, וועלכע שאַצן נישט אָפּ נישט אין זיך, נישט אין אנדערע די מענטשלעכע חשיבות — אַזעלכע מענטשן איז לייכטער צו באַפעלן — (דאָס איז דאָך מער נישט — ווי א „מאַסע"! מער נישט, ווי געהאָרכזאמע ליים אין די הענט פון א רעפאָרמאַטאָר! א מין „קאַנאָנענ־פלייש" פון פרידנס־צייט). פון אזעלכע מענטשן אָבער קען מען שוין נישט דערוואַרטן קיין שום שאפונג און באוווסטזיניקע אָפּפערווילִיקייט. דאָס גרינדן אָבער פון א קאָמוניסטישער געזעלשאפט פאָדערט פון אלע אירע מיטגלידער שאַפונגס־פעיקייטן און פולן באוווסטזיין אויף צו קענען זיך מקריב זיין מיט דעם אייגענעם פאר אנדערע. און אָט וועגן דעם אַלעמען האָט דער אָפּגאָט און אָנפירער פון די גייסטלאָזע פּאָליטישע קאָמוניסטן לענין ווי אינגאנצן פארגעסן.

ער האָט גוט פארשטאַנען און אנערקענט, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, דעם מעכאַניזם פון מענטשלעכע באַציונגען, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּגעבן די נויטיקע חשיבות דעם פארבאלטענעם „כימישן" יסוד פון אָט די באַציונגען ד. ה. די אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע פּראַצעסן, וועלכע זיינען אין עצם די הויפּט שאַפונגס־עלעמענטן אין מענטשלעכן כאַראקטער און פון וועמענס צושטאַנד עס איז אָפּט אָפּהענגיק דער גורל פון א סך סאָציאַלע אונטערנעמונגען.

דאָס וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאנד און וואָס עס ווערט אָפּגעשאצט ווי א נצחון פון לענינען איז אין תוך זיין מפּלה. אַמער וועגן דעם אידעאַל פון אמתן קאָמוניזם אין רוסלאנד איז אפילו קיין סימן נישטאָ.

אין ראַטן רוסלאַנד איז קודם־כּל נישטאָ קיין פֿרייע מענטשן, און אָן אַ פֿרייען מענטשן קען, לויט מיין טיפֿסטער איבערצייגונג, נישט זיין קיין קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט. דאָס וואָרט "Communis„ באַדייט געמיינזאַמס, און אויב אין אַ געזעלשאַפֿט איז אַלץ געמיינזאַם, הייסט עס אין איר זיינען אַלע גלייך, און אויב גלייך, באַדייט עס, אַז קיינער וואַגט נישט צוצונעמען ביי קיינעם זיין פֿרייהייט. אין ראַטן רוסלאַנד האָבן אַ הייפֿל מענטשן, הויכע מלוכה־באַאַמטע, וועלכע רופֿן זיך אָן לענינּיסטן, באַרויבט און דערשטיקט די פֿרייהייט פֿון גאַנצן פֿאָלק. אויף אַזאַ באָדן וואַקסט נישט קיין קאָמוניזם.

„די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט פּראָקלאַמירט זיבערע אמתן — זאָגט טאָלסטאָי, — זיי זיינען אָבער גלייך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליגן ווי נאָר מ'האָט זיי אָנגעהויבן איינצופֿירן מיט דער הילף פֿון גוואַלדטאַטן". דאָס זעלבע איז אויך פֿאָרגעקומען מיט דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע מיט לענינס זאַך.

אמת, די רעוואָליוציע האָט אויסגעלערנט דעם פֿאָלק צו טראַכטן. זי האָט אויפֿגעוועקט דעם פּאָליטישן זעלבסטבאַוווּסטזיין פֿון פֿאָלק און אַפֿילו פֿאָרמעל געווענדעט איר גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט צו די נידעריקע עקאָנאָמיש־פֿאַרקנעכטעטע קלאַסן. דאָס אַלץ איז געווים שיין. עס איז נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס! און דאָך אַנטשפּרעכן נישט אַט די אַלע פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פֿון דער רעוואָליוציע דעם אומדערהערטן פּרייז פֿון ליידן און קרבנות, פֿאַר וועלכן זיי זיינען געקויפֿט געוואָרן.

נישט מיט שאַרן־פרייד, נאָר מיט באַרויערונג זאָג איך דאָס. איך וואָלט געוואָלט דאָס פאַרקערטע אין ראַטן־רוסלאַנד. איך וואָלט בלב ונפש וועלן, אַז מיין פאָטערלאַנד זאָל אַרויס אַ זיגערין פון דער רעוואָליוציע, אַז עס זאָל פאַרשווונדן ווערן דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע, אַז עס זאָלן זיך פעסט אָננעמען די נייע, יונגע שפּראָצונגען און אַז דאָס לאַנד זאָל ווירקלעך לעבן לויט די פּרינציפּן פון גלייכהייט, ברידערלעכקייט און פרייהייט.

צום באַדויערן אָבער זע איך, אַז דאָס איז נישטאָ, איך מוז דאָס זאָגן זיך און אויך אַנדערע כאָטש נאָר צוליב דעם אַליין, כדי צו געפינען נייע וועגן אויף צו פאַרווירקלעכן די זעלבע הויכע אידעאַלן, וועלכע האָבן געלאָקט סיי לעגינען, סיי טאָלסטאָיען און אַנדערע גרויסע פירערס פון דער מענטש־הייט. נאָר וווּ זשע זוכט מען אָט די נייע וועגן? וווּ געפינט מען אַ באַפרייונג פון די ענגע ראַמען, אין וועלכע עס האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דער אומגעהויער שטאַרק אַנטוויקלטער טאָלסטאָיעשער אינדיווידואַליזם און ווי אַנטלויפט מען פון לעגינס נישט אויסקלייבערישקייט אין מיטלען? אַמער מיר קענען זיך פאָרט נישט אָפּזאָגן פון אַקטיוון קאַמף פאַר די רעכט פון די אונטערדריקטע און שוצלאָזע?

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער מיטל אויף צו העלפן די אונטערדריקטע דאָס איז קודם כל אַליין זיך צו באַ־פרייען פון איבערפלוס, פון פריווילעגיעס, באַגרענעצן די אייגענע הצטרכותן לויטן רעצעפּט פון טאָלסטאָיען. דאָס אַליין אָבער וועט די סאָציאַלע פראַגע און דער גאַנצער ברייט נישט לייזן. צו איז דען נישט באַוויזן געוואָרן, אַז וויפל עס זאָלן

נישט זיין קיין באזונדערע העלדן אויף דעם געביט, וועט אָט דער העראָיזם די אַלגעמיינע לאַגע נישט ענדערן.

אפשר הער וועג פון עוואָליוציע, דער פרידלעכער פאַרלאַמענטאַרישער קאַמף פון פארטייען און קלאַסן? צו איז דען נישט קלאָר, אז אין דעם קאַמף זיינען די כוחות פון די קעמפנדע נישט קיין גלייכע און גראדע צום שאָדן פון די אַרבעטנדיקע און פאָלקס-מאַסן? ביי דער עקזיסטירנדער אָרגאַניזאַציע פון פאַרלאַמענטאַרישן און פארטיי-לעבן און די איצטיקע „דעמאָקראַטיעס" בלייבט סוף כל סוף די אָנפירונג מיט די געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע ענינים אין די הענט פון איין און דעם זעלבן הייפל מאַכט-ליבהאָבערס, וועלכע קענען בשום אופן נישט פאַררעכנט ווערן פאַר די אמתע פאָרשטייערס פון פאָלק, כאָטש צווישן זיך קענען זיי גאַנץ גוט זיך צונויפרעדן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווערט דער וועג פון עוואָליוציע גאַנץ אָפט פאַרוואַנדלט אין א חוזק איבער די פאַרלאַנגען פון די אַרבעטנדיקע און שוצלאָזע; זייערע שטרעבונגען קענען נישט נאָר ווערן א דבר של קימא, נאָר דער גאַנצער זין פון פסידאָ-עוואָליוציאָניזם וועג פאַר די „הערן פון דער לאַגע" באַשטייט אין דעם ווי וויט מעגלעך איינצוהאַלטן אָדער ריכטיקער געזאָגט, מאַכן אינגאַנצן אוממעגלעך אַפילו לעתיד לבוא א וועלכע עס איז לעזונג פון דער פראַגע.

און דאָ קומט נאָך אַמאָל אויס צו דערמאָנען לעניגען, צו דען איז אין דער אמתן נישטאָ קיין אויסוועג?

ניין, עס איז פאַראַן. און אָט דעם אויסוועג ווייזט אונדז אָן דער דריטער פון די גרויסע נביאים פון אונדזער עפּאָכע,

וועמענס נאָמען צוזאַמען מיט די נעמען פון טאָלסטאָיען און לענינען איך האָב אויסגעשטעלט אַלס טיטל פון מיין ביכל.

Ex oriente lux! פון דער ווייטער אינדיע טראָגט דער לייטזעליקער מאַהאַטמאַ גאַנדי אַן ענטפער אויף אונדזערע ספקות און אין אַנווייזונג אויף אַן אַנדער ריכטונג פון סאָציאַלן קאַמף און ארבעט — אַ ריכטונג, וועלכע איז נישט נאָר אויסערלעך צוועקמעסיק, נאָר אַנטשפּרעכט די טיפסטע אינערלעכע פאָדערונגען פון אונדזער שכל און געוויסן.

גאַנדי — איז טאָלסטאָיס אַ תלמיד. אין זיין בריוו צו טאָלסטאָיען פון טראַנסוואַל דעם 4=טן אַפּריל 1910=טן יאָר, רופט ער זיך אָן „אייער טרייסטער אָנהענגער". ער איז אָבער אַ תלמיד, וועלכער האָט נישט מעכאַניש אָנגענומען דעם לערערס וועלט=אָנשויונג, נאָר האָט זי אָרגאַניש איבערגעקאָכט אין זיך און אין הסכם מיט די אינדיוווידועלע אייגנהאַרטיקייטן פון זיין אינערלעכן וווּקס און לאַגע, אין הסכם מיט די אויפ= גאַבן, וועלכע עס האָבן אים אַרויסגעשטעלט זיין סביבה און זיין פאָלק. אָנשטאָט צו ווערן אַ סעקטאַנט — „אַ טאָלסטאָיער" און שקלאַפעריש נאָכפאָלגן טאָלסטאָיען, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק און נישט אָפּטרעטנדיק אויף רעכטס אָדער לינקס, האָט גאַנדי, באַקומענדיק פון טאָלסטאָיען אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, פאַרפולקאָמט אָט די אוצרות מיט זיין אייגענער זעלבסטשטענדיקער גייסטיקער ארבעט און אויף אַזאַ אופן איז ער אויסגעוואַקסן ביז צו אַ לאַגע פון אַ פירער און אַ לערער, וועלכער איז אין איינקלאַנג מיט זיין עפּאָכע, ווי טאָלסטאָי בשעתו!

מיר זײַנען ערשט אַלע עדות פֿון גאַנדיס טעטיקײט אין דער בריטישער אינדיע און פֿון דעם אויפֿגעהויבענעם דורך אים קאַמף פֿון די אינדוסן קעגן דער פֿרעמדער בריטישער הערשאַפֿט — אַ קאַמף, וועלכער דאַרף לויט גאַנדיס מיינונג זײַן נאָר אַן אָרגאַניזירטער, פֿרידלעכער ווידערשטאַנד קעגן די ענגלענדער. די אינדוסן שטרעבן צו נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט אָדער לכל הפּחות צו אַ בהדרגהדיקער און פֿולער אויטאָנאָמיע אין די גרענעצן פֿון דער בריטישער אימפּעריע. עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אָט דער קאַמף איז אייגנטלעך נאָר אַ זאַך פֿון די אינדוסן גופֿא און וואָלט אונדז דירעקט נישט באַדאַרפֿט אינטערעסירן. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זײַנען נישט נאָר די אַלע גערעכטע פֿאָדערונגען פֿון אינדישן פֿאָלק, נאָר הויפּטזעכלעך די קאַמפֿס־מעטאָדן, וועלכע ווערן פּראָפּאַגאַנדירט דורך גאַנדין אינגאַנצן ניי, נישט אויסגעפּרובירט און מאַכן די אַזוי ווײַטע אינדיע פֿאַר אַ צענטר פֿון דער וועלט אויפֿמערקזאַמקייט. אַפֿילו גאַנדיס שונאים, די מיט וועלכע ער קעמפֿט, האָבן דעם פֿולסטן דרך־ארץ פֿאַר אים און אַ סך בוקן זיך ממש פֿאַר אים. די לאַגע פֿון די ענגלענדער אין קאַמף מיט דער גאַנדישער באַוועגונג ווערט באַשווערט גראָדע דורך דעם, וואָס אין די ליבעראַלע שיכטן פֿון דער ענגלישער געזעלשאַפֿט און אויך אין די פּאַרלאַמענטאַרישע קרייזן זײַנען גאַנץ שטאַרק די סימפּאַטיעס צו גאַנדין און צו זײַן זאַך. און נישט דער ציל אַן און פֿאַר זיך, נאָר די פֿערזענלעכקייט און די מעטאָדן פֿון גאַנדין אַנטוואָפֿענען טאַקע לכל הפּחות מאָראַליש די קעגנער. צו ליגט דען נישט אין דעם אַליין דער גרויסער נצחון פֿון אַ פֿירער און רעפֿאָרמאַטאָר? און אין דער

אמתן קלייבט זיך דאָס אינדישע פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון גאַנדין אַראָפּוואַרפן דעם שווערן יאָך פון די פרעמדע נישט מיט גוואַלד, נישט מיט אייזן און נישט מיט בלוט — נאָר דורך פשוטן נישט אונטערוואַרפן זיך די פרעמדע „נישט מיטאַרבעטן" non-coperation מיט די ענגלענדער, נישט אַנערקענען זייערע געזעצן, נישט אויספירן זייערע באַפעלן, אָפּזאָגן זיך פון דינסט אין די ענגלישע רעגירונגס-אַנשטאַלטן, נישט שיקן די קינדער אין ענגלישע שולן, באַפרייען זיך פון עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פון די ענגלענדער, איבערגיין פון ענגלישע מאַנופאַקטור אויסאַרבעטונגען צו אייגענע, אַליין געוועבטע; איבעררייסן דעם רעגירונגס-מאָנאָפּאָל אויף זאַלץ, באָיקאָטירן די וויין-קראָמען א. א. וו. דערביי ווערט נישט געפּרעדיקט קיין שנאה צו די ענגלענדער „די ענגלענדער זיינען נישט ערגער פון אַנדערע פעלקער" — זאָגט גאַנדי — „איך וויל נישט מאַכן קיין שום שאָדן דעם ענגלישן פאָלק, נאָר איך וויל אים איבערצייגן אין דער נויטווענדיגקייט צו געבן אינדיע פרייהייט". עס איז פאַרבאָטן אָנצוגרייפן דאָס לעבן און פערזענלעכן פאַרמעגן פון די ענגלענדער. דאָס פאָלק פּראָקלאַמירט און פירט דורך זיינע רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ און מער נישט.

„דער בעסטער מיטל אין קאַמף מיט טיראַניע באַשטייט נישט אין הרגענען דעם טיראַן, נאָר אין אָפּזאָגן זיך מיטצואַרבעטן מיט איר"—האָט זיך אויסגעדריקט דער הויפּטפירער פון דער איצטיקער אַנטימיליטערישער באַוועגונג הענער בראָקוויי, א מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט. די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם פּרינציפּ — דאָס פּאַסיווניקע

אָפּזאָגן זיך פון „מיטאַרבעט מיט דער מירהאַגיע" — אין דעם באַשטייט די גאַנדישע באַוועגונג.

די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, ווי באַוואוסט, נישט פון היינט. כמעט דעם זעלבן אָפּאָגיי האָט זי דערגרייכט אין די יאָרן 1920—22. גאַנדי האָט זיך דאַן פונקט ווי איצט באַנוצט מיט פאָרמעלע באַפולמאַכטן פון אַלאינדישן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס און איז אַרויסגעטראָטן כלומרשט אַלס „גייסטיקער דיקטאַטאָר" פון לאַנד.

געווים איז גאַנדיס זאַך נישט אַזאַ איינפאַכע ווי ס'קאָן זיך אויסדוכטן אויפן ערשטן בליק. די סביבה אין אינדיע איז זייער אייגנהאַרטיק און קאָמפּליצירט. אייניקע דאָרטיקע באַדינגונגען העלפן מיט דעם גאַנג פון „פרידלעכן אויפשטאַנד" אַנדערע ווידער (ווי צום ביישפּיל די צאָלרייכע קאַסטעס, די פאַרשיידנהאַרטיקייט פון שפּראַכן, דער קאַמף פון רעליגיעס) שטערן דער זאַך*). די באַוועגונג גופא לעבט איבער און ווייזט אויס, וועט נאָך דורכמאַכן פאַרשיידענע פאַזן. עס לוינט דעריבער נישט אין א קורצער אָפּהאַנדלונג זיך אָפּצושטעלן אויף דער פאַקטישער זייט פון גאַנדיס באַוועגונג אין אינדיע, אַגב אינטערעסירט אונדז נישט אין דעם פאַל די געשיכטע, נאָר אַזוי צו זאָגן די מעטאָדאָלאָגיע פון דער נייער באַוועגונג.

*) נישט ריכטיק זיינען די ארגומענטן פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז אינדיע נויטיקט זיך אומבאַדינגט אין א נייטראַלער (ענגלישער) מאַכט. באַזונדערס צוליב די אייביקע חילוקי־דעות, וואָס קומען דאָרטן פאָר צווישן די אינדוסן און מאַכמעדאַנער. אין דערווירק־לעכקייט האַלט אויף ענגלאַנד אין אינדיע נישט די אויפגאַבע פון א רודף־שלומניק און קולטור־טרעגער, נאָר קודם כל דאָס, וואָס די ענגלענדער האָבן אַריינגעלעגט אין די אינדישע אונטערנעמונגען א קאָלאָסאַלע סומע פון איין מיליאַרד פונט שטערלינג, ווי דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע פון סיימאָנען, און עס ווילט זיך איר נישט פאַרלירן די הכנסה פון אַזאַ קאַפּיטאַל.

דאָס כאראקטעריסטישע פאר די ערשטע אַרויסטרעַ־
טונגען פון גאנדין איז פריער פון אלץ די הייסע, פלאַמנדיקע
ליבע צו דעם אונטערדריקטן פאָטערלאנד, פאר וועמעס באַ־
פרייונג ער גיט אָפּ אַלע זיינע כוחות און גלייכצייטיק די טיפסטע
איבערצייגונג, אז ער טאָר נישט און קען בשום אופן נישט
גיין מיטן וועג פון גוואַלדטאַטן. אין זיין זשורנאַל „די יונגע
אינדיע" שרייבט גאַנדי אין איין אָרט:

„איך בין פארקנסט מיט אינדיע. איך בין צו איר פאר־
פליכטעט מיט אַלץ... איך קען בולטער נישט אויסדריקן מיינע
געפילן צו אינדיע ווי נאָר איך זאָל זיי פארגלייכן מיט די
געפילן צו מיין פרוי. זי רייצט מיר ווי קיין איין פרוי אויף
דער וועלט. נישט דערפאר ווייל זי איז פולקאָם. איך האָב די
דרייסטקייט מודה צו זיין, אז זי האָט מער חסרונות ווי איך
זע, נאָר דאָ איז אָבער פאראַן א געפיל פון קשר של קימא.
דאָס זעלבע איז אויך בנוגע אינדואיזם, מיט אַלע זיינע טעותים
און באגרעניצקייטן".

און וועגן דעם וועג אלס רעפאָרמאַטאָר און פירער פון
דער נאַציאָנאַלער באפרייונגס־באוועגונג שרייבט גאַנדי אין דעם
זעלבן זשורנאַל:

„די רעליגיע פון פאַסיוון ווידערשטאַנד איז נישט נאָר
פאר הייליקע, נאָר פארן סאמע פשוטסטן מענטשן. דאָס איז
אונדזער געזעץ, פונקט ווי גוואַלדטאַט איז א געזעץ פון אַ חיה.
אין דער חיה שלאָפט דער גייסט. די מענטשלעכע ווירדע פאָ־
דערט א מער העכערן געזעץ: דעם כוח פון גייסט. איך זע, אַז
אינדיע ווענדעט אָן דעם געזעץ! איך וויל, אַז זי זאָל זיין זיכער
אין אירע כוחות. זי פארמאגט נשמה, וועלכע קען נישט פאר־

לוירן גיין. די נשמה קען זיך אנשטעלן אלע מאַטעריעלע כוחות פון דער גאַנצער וועלט".

און נאָך ווייטער:

„איך וואָלט געוואָלט איבערטראָגן אַלע באַליידיקונגען, אַלע עינוים, אַרויסגעטריבן ווערן פון פאָטערלאַנד און אַפילו דעם טויט, אַבי צו שטערן אונדזער באַוועגונג מגולגל צו ווערן אין א גוואַלד־מאַכט".

אַזוי אַרום: אַלץ איז אין דער ליבע צום פאָטערלאַנד, נאָר אָן גוואַלד־מיטלען, זאָל עס זיין אַפילו צוליב דער באַפרייונג פון פאָטערלאַנד. גוואַלדטאַט איז א געזעץ פון א חיה און דער מענטשלעכער כבוד פאָדערט אַנדערע אופנים פון קאַמף.

אָט די קאַטעגאָרישקייט פון אָפּלייקענען גוואַלד־מעשים און די זיכערקייט, אַז דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל (אין דעם פאַל האַנדלט זיך עס וועגן באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד) קען מען נישט מיט קיין גוואַלדטאַטן, נאָר אויף א שלומדיקן אופן, זיינען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש און אונדז ליב און טייער ביי גאַנדין. אויב מ'זאָל צו דעם צוגעבן די אויסערגעוויינלעכע אַקטיווקייט פון גאַנדין און די שטענדיקע גרייטקייט זיינע צו אַקטיוון, כאָטש פרידלעכן קאַמף, דאַן האָבן מיר פאַר אונדז א בילד פון אַן אינדיישן מנהיג.

„די פּאָליטיק נעמט אונדז אַרום און קוועטשט אונדז צונויף ווי א שלאַנג מיט איירע רינגען — זאָגט גאַנדי — וואָס מיר זאָלן נישט טאָן קענען מיר פון איר נישט פטור ווערן. כ'וויל דעריבער אַריינטרעטן אין א מלחמה מיטן שלאַנג, כ'וויל אַריינפירן רעליגיע אין דער פּאָליטיק".

און נישט געקוקט אויף דער גאַנצער נישט רעאַלער טאַקטיק פון גאַנדין און זיין קאַמף פאַר אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן איראַל, איז ער דאָך אין דער ווירקלעכקייט נישט נאָר אַ פּרעדיקער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער פירער, וועלכער האָט זיך פאַרבונדן מיט באַשטימטע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס און שטיצט זיך אויף געוויסע געזעלשאַפטלעכע גרופּן און באַוועגונגען. דערביי פאַרלירט גאַנדי פּערזענלעך נישט אַזוי פיל וויפל ס'געווינט די אַלגעמיינע זאַך, האָבנדיק אַזאַ פירער.

גאַנדי פאַרלאַנגט אַפילו נישט, אַז דער וועג מיט וועלכן ער גייט, דער וועג פון „גוואַלדלאָזן, בירגערלעכן אַנטקעגנשטעלן זיך" זאָל מען כאַראַקטעריזירן אַלס אַ וועג פון „פּאַסיוון ווידערשטאַנד" (ווי דאָס טוען געוויינלעך די אייראָפּייער). ניין, דאָס וואָרט „פּאַסיוו" איז דאָ אינגאַנצן נישט צוגעפּאַסט. להיפּך, דער וועג וועלכן גאַנדי רעקאָמענדירט פאָדערט די העכסטע גייסטיקע אַקטיווקייט. ער רופט אים אַליין אָן „Sotyagraha" ד. ה. דער וועג פון אָפענעם ווידערשטאַנד אַנטקעגן יעדער אומגערעכטיקייט און געזעצלאָזיקייט מיטן כּוח פון גלויבן, מיטן כּוח פון ליבע און מיטן כּוח פון אָפּפערוויליקייט. „איך וויל איר זאָלט קלאָר פאַרשטיין, וואָס עס וועט זיין — האָט געזאָגט גאַנדי צו זיינע תּלמידים אויף אַ בילדונגס־קאָנפערענץ אין אָנהויב יאַנואַר 1930־טן יאָר. — אייך שטייט פאָר דורכצומאַכן אַ סך גרעסערע עינוים ווי אריינצופאַלן אין טורמע. גנבים, שווינדלערס און מערדערס מייִדן אויך נישט אויס די טורמע און אָרדנען זיך דאָרטן איין ווי ביי זיך אין שטוב. אריינפאַלן אין טורמע הייסט נאָך נישט

ברענגען נוצן דער זאך. איך וויל, איר זאָלט זיין גרייט, אויב מ׳וועט דאַרפן, פּריוויליק מקריב זיין מיט זיך אין פאַרשטיי=ענדיקן קאַמף.

דער גייסט פון גוואַלדטאַט טראָגט זיך אין דער לופט; און איר דאַרפט זיך פאַרהאַרטעווען אין דעם פייער, כדי מוטיק זיך איים אנטקעגנשטעלן. אויב איר זייט טריי אייער הבטחה צו דינען דעם אמת און גוואַלדטאַטלאָזיקייט וועט איר זיך נישט באַהאלטן אין אייערע הייזער, ווען די צערייצטע ליידנשאַפטן וועלן הערשן אויף דער גאַס; איר וועט אין זיי נישט נעמען קיין אנטייל, נאָר איר וועט גיין לעשן די שרפה, מקריב זייענדיק מיט זיך". און באַלד נאָכדעם חזרט ער איבער אויף דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין לאַגאָרא:

,,אויב אין אייך איז שטאַרק דער רצון נאָך פרייהייט, דאַרפט איר יעדע מינוט פון אייער לעבן גיין מיט אַזעלכע הרבים, וועלכע זיי אליין זאָלן אייך געבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן דעם ציל. איר דאַרפט שטרעבן צו לעבן פאַר דער פרייהייט. איר דאַרפט אויסמיידן אַלע אינערלעכע מחלוקתן איר דאַרפט זיין פאַראייניקט. איר דאַרפט זיין רויק. איר דאַרפט זיין העלדיש און אַרבעטן געמיינזאַם...

ס׳זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אַרטן העלדישקייטן. ווער ס׳באַהערשט די שווערד און פאַרגוואַלטיקט יענעם, דער קען קוקן אויף זיך ווי אויף א גבור א מענטש. אינדערעמתן אָבער איז יענער דער גבור, ווער ס׳קען מיט אַ רויקער, אינערלעכער העלדישקייט אַנטפּלויזן זיין ברוסט, ווען אויף איר איז געווענדעט דער שטעך=מעסער".

ס'איז באַוווּסט, אַז גאַנדי אַליין מיט זיין לעבן און מעשים גיט דעם העכסטן ביישפּיל פון אויסגעהאַלטנקייט און אָפּפערוויליקייט מיט וואָס עס דערקלערט זיך טאַקע זיין גוואַלדיקער כישוף און אויטאָריטעט צווישן זייַנע אָנהענגערס און צווישן גאַנצן פאָלק און צו איז דאָס טאַקע נישט דער גרעסטער קרבן פאַר אַזאַ מענטשן ווי אָפּצוגעבן זיך מיט פּאָליטיק?

גאַנץ אָפט רופט מען גאַנדין נאַציאָנאַליסט. די רוסישע קאָמוניסטישע פּרעסע האָט אַ צייט לאַנג גערן געשטיצט גאַנדין, ווייל אַט דער „אינדישער טאָלסטאָי" (לונאַטשאַרסקיס אַן אויסדרוק), איז געווען זייער נוצלעך דער ראַטן־מאַכט און דעם קאָמינטערן אין זייער כסדרדיקער צעשטערונגס־אַרבעט בנוגע דעם ריז פון בריטישן אימפּעריאַליזם. לעצטנס אָבער, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אין גאַנדיס פּערזאָן און אין דער דורך אים אויפגעוועקטער באַוועגונג ליגט די הויפּט־מניעה פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין אינדיע, ווערט גאַנדי אַטעסטירט דורך לענינס אָנהענגערס נישט אַנדערש, ווי „דער פירער פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם" אָדער „פאַרשטייער פון דער אינדישער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע".

דער נאָמען „נאַציאָנאַליסט" האָט זיך גאַנדי אייגנטלעך דערוואָרבן אומעטום און כמעט ביי אַלע פאַרשטייערס פון פאַרשיידענע פּאַרטייאישע גרופּירונגען.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער דאַרף מען דעם טערמין בנוגע גאַנדין באַנוצן מיט גרויס פאָרזיכטיקייט.

געווים טראָגט די הורך אים אַרויסגערופענע באַוועגונג אויסערלעך באַשטימטע שטריכן פון נאַציאָנאַליסטישער אָדער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג. זי אונטערשיידט זיך אָבער אין אַ סך פון אַזעלכע ענלעכע „נאַציאָנאַלע" באַוועגונגען אין אייראָפּע.

פריער פון אַלץ געהערט נישט גאַנדיס „נאַציאָנאַליזם" צו די יעניקע, וועלכע רופן אַרויס באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, מלחמות צווישן פעלקער. קיין מלחמה קען נישט זיין דאָרט, ווו די פערזאָן און לעבן פון מענטשן ווערט פּראָקלאַמירט אַלס אומבארירבאַרע. אויסערדעם שטרעבט אין קיין פאַל נישט גאַנדי אַרויסצורופן ביי זיין פאָלק האַס צו די ענגלענדער. ער קעמפט מיט משמעות מיט דערשייגונגען פון ענלעכער שנאה. דער עיקר אָבער איז אין זיין באַוועגונג שטאַרק דער סאָציאַלער מאָמענט.

כדי צו דערגרייכן דערפאָלג אין זיין קאַמף שטרעבט מאַקע גאַנדי צו פאַרייניקן אין אים אַלע קלאַסן פון דער בריטישער אינדיע, אָבער דאָך זעט מען נישט אין אים קיין פאַרטרעטער פון די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, נאָר פאַרקערט, אַ פריינט און באַהויטער פון די אָרעמסטע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג. ער האַלט אין איין רעדן וועגן דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן דורך די ענגלענדער. די ענגלישע רעגירונג איז עגאָאיסטיש, זי עקספּלואַטירט די נאַציאָנאַלע עשירות פון לאַנד, דערשטיקט די אינדישע האַנטווערקער־אינדוסטריע, אָרגט איין אירע באַאַמטע אויף די בעסטע שכירות, פירט איין מלוכה־מאָנאָפּאָלן און שווערע שטייערן און הוכהעם אַלעמען איינגאָרירט זי די

אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן פון דער האַרטיקער באַפעל־קערונג און דערהויבענע דערצו, אז ס׳רוב איינוווינער לעבט אין שרעקלעכער דחקות.

גאַנדיס דייטשער ביאָגראַף רענע־פולאָפּ־מילער באַ־שטעטיקט אַפילו, אז סוף כל סוף האָט דעם גאַנצן קאַמף מיט די ענגלענדער גאַנדי אָנגעהויבן הויפּטזעכלעך אויס מיטלייד צו די עקאָנאָמיש אונטערדריקטע און געפּלאָגטע מאַסן פון דער אינדישער באַפעלקערונג.

„מאַהאַטמא גאַנדי שטייט אינגאַנצן אויפן צד פון די אָרעמע״ — זאָגט עדות אַן ענגלישער פריינט און חסיד פון גאַנדין ק. פ. אַנדריו, דער מחבר פון עטלעכע ווערק וועגן דער מאָדערנער אינדיע.

„דעם גאַנצן סכום חמאים, וועלכע גאַנדי שטעלט אַרויס קעגן ענגלאַנד — זאָגט ק. פ. אַנדריו — קען מען אייגנטלעך אויסדריקן אין איין זאַץ: ענגלאַנד אונטערדריקט די אָרעמע. די אויסגעהונגערטע מענטשן און לעבעדיקע סקעלעטן, וועלכע גאַנדי האָט אומעטום געזעען אין אינדיע האָבן אים אַזוי שטאַרק איבערראַשט, אַז דער געדאַנק פון העלפן זיי האָט אים שוין יומם ולילה נישט אָפּגעלאָזט״.

כאַראַקטעריסטיש איז דער תוך פון די 11 „פּונקטן״ — פאָדערונגען, וועלכע גאַנדי האָט אין 1929־טן יאָר אַרויסגע־שטעלט דעם וויצע־קעניג פון אינדיע — פאָדערונגען פון הֵעמענס באַפרידיקונג אָדער נישט באַפרידיקונג איז געווען אָפּהענגיק גאַנדיס אַקציע פון „נישט פאָלגן זיך דער ענגלישער מאַכט״.

צוגלייך מיט אייניקע ריין=פּאָליטישע פּאָדערונגען, מעגלעך אָנגעוואָרפענע גאַנדין ווי א פּאָליטישן טוער צוליב זיין מיטאַרבעטן מיטן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס (די פּאציפיסטן אין שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן דער 11=טער פּונקט: דאָס דערלויבן די אינדוסן צו טראָגן געווער אַלס זעלבסט=שוץ אונטער א געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל) — געפינען מיר אויך אין אולטימאַטום פון גאנדין זייער כאַראַקטעריסטישע פּאָדערונגען ווי: אָפּשאפן דעם מאָנאָפּאָל אויף זאַלץ, פארווערן צו פארקויפן ספירט=משקאות, פארקלענערן דעם ערד=שטייער אויף 50 %, פארקלענערן די מלחמה הוצאות, אראָפּנעמען פון די שכירות פון די העכערע באַאמטע און א. וו. ד. ה. פאָדערונגען, וועלכע האָבן אָן ספק אין זינען געהאַט די אינטערעסן פון דער אָרעמער באפעלקערונג.

גאנדי פארשטייט געוויס, אַז האָס דערגרייכן פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט אַן און פאר זיך וועט נאָך נישט ברענגען פאר אינדיע די רפואה אויף אַלע אירע מחלות, פון וועלכע זי ליידט אַזוי ווי יעדער מאָדערנער געזעלשאפטלעכער אָרגאַניזם. מ'קען דעריבער רעכענען, אַז תיכף נאָכדעם, ווי גאַנדי וועט מיט א נצחון פארענדיקן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, וועט ער דערקלערן א נייעם און נאָך מער אַחריותפולן עטאַפּ פון סאָציאַלן קאַמף שוין אין די גרעניצן פון אינדיע אַליין. גאנדי וועט זיך בשום אופן נישט אָפּשטעלן אויף א האַלבן וועג אין קאַמף פאר דער אמתער באפרייונג פון זיין פאָלק און וועט זיכער אין דער צוקונפטיקער מלחמה אָפּהיטן זיין איצטיקע געווער: די בירגערלעכע פּאַסיווקייט ,,נישט מיט=אַרבעטן" אָפּזאָגן זיך פון אנטיילנעמען אין יעדן גוואלדטאַט

פאר וועם איז אונדז ערוב דער גאנצער מהות פון נייעם נביא און זיין דורכגעמאכטער וועג ביז איצט.

אָט די אויפפאסונג פון גאנדיזם קענען נאָך פארשטארקן די זעלטן שיינע ווערטער, וועלכע גאנדי האָט ארויסגעזאָגט אויף דער יאנואר בילדונגס־קאָנפערענץ.

,,אונדזער באוועגונג איז זעלבסט־פארפולקאָמונג. א סך מיינען, אז מאָראל האָט נישט קיין שום געמיינזאמעס מיט פּאָליטיק. פון דער צייט אָן אָבער, ווען דער אמת און גוואלד־לאָזיקייט זיינען געוואָרן די איינציקע מעטאָדן פון קאָנגרעס אויף צו דערגרייכן זיינע צילן, איז די זעלבסט־פארפולקאָמונג נויטיק אפילו אין פּאָליטישער טעטיקייט. אויב דער ,,סוואראדזש" (די באוועגונג פאר א זעלבסטשטענדיקע אינדיע) וואָלט נישט געהאַט אין זינען אונדז צו דערציען און ריין מאַכן אונדזער ציוויליזאציע, וואָלט ער צו גאָרנישט געטויגט. דער תוך פון דער נייער ציוויליזאציע באשטייט אייגנטלעך אין דעם, וואָס מיר גיבן אָפּ דער מאָראל דעם אויבן־אָן אין אלע אונדזערע ענינים הן געזעלשאפטלעכע, הן פּריוואטע".

פון די ווערטער זעען מיר, ווי טיף און ווי ווייט עס גייען די האָפענונגען פון גאנדין אליין. די מאָראלישע מעטאָדן גיסן זיך צונויף מיט דעם מאָראלישן ציל און זעט אויס, אז דער ציל קען זיך נישט באגרענעצן נאָר מיט איין דערגרייכונג פון נאציאָנאַלן באפרייונגס־אידעאַל.

כ'חזר איבער נאָך אַמאָל אין וואָס עס זאָל נישט באַ־שטיין גאַנדיס ציל, אינטערעסירט אונדז קודם־כל די מעטאָדן און מיטלען, ווי: אויסשליסן גוואלד מעשים פון געבראויך נישט

נאָר בײ באַזונדערע מענטשן נאָר אויך בײ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזמען װי: מלוכות, נאַציעס, סאָציאַלע גרופּן.

גאַנדיס װעג, דאָס איז א סינטעז צװישן דעם הויך עטישן װעג פון טאָלסטאָיען, װעלכער אנערקענט נישט קײן אָרגאַני־זאַציע און צװישן דעם שטאַרק רעװאָלוציאָנער־אַקטיװן, אָבער אינגאַנצן דורכגעדרונגענעם מיט גװאַלדטאַט לעניגס װעג. טאָלסטאָיס גלויבן אין גײסטיקן װערט פון מענטשן, האָט גאַנדי אַזױ װי פאַרײניקט אין זיך מיטן פײער פון לעניגס שטרעבן צו העכערע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן — און אויף אזא אופן געװיזן אונדז א בײשפּיל פון אן אנדער מין רעפאָרמאַטאָר, װעלכער באַגרענעצט זיך נישט מיטן פּראָפּאַגאַנדירן פון פערזענלעכער, אינדיװידועלער גאולה און הערבײ לאָזט ער נישט איבער אין הער געשיכטע קײן שום שפּור פון בלוטיקע טעראָר, אויפשטאַנדן, מלחמות און טויט־שטראָפן.

דער קאַמף, װעלכן גאַנדי פירט, איז נאָך נישט פאַר־ענדיקט. ער האָט נאָך נישט דערגרײכט דעם ענדגילטיקן דער־פאָלג. זײן לאַנד האָט זיך נאָך נישט באַפרײט פון פרעמדן יאָך, נאָר מיט דעם אַלײן, װאָס גאַנדי איז אװעק מיט נײע װעגן, מיט װעגן פון פרידלעכער, גװאַלדטאַטלאָזער, גײסטיקער רעװאָ־ליוציע, האָט ער שוין, לויט מײן מײנונג, אָנגעהויבן א נײע תקופה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײט.

פאַראויסזאָגן דעם ענדגילטיקן אויסגאַנג פון גאַנדיס באַװעגונג איז, פאַרשטײט זיך, שװער, אָבער שוין איצט קען מען זאָגן, אַז אויב די באַװעגונג װעט אין סאַמע אָנהויב לײדן מפּלות, צײטװײליקע מפּלות, װעלן אמװײניקסטן אין דעם זײן שולדיק גאַנדיס מעטאָדן. שולדיק אין דעם װעלן זײן גיכער

די שלעמעגטן פון די אינדזן מיילוויין קאָמוניסטישע, וועלכע באמיען זיך די גאנצע צייט אַרויספירן גאנדיס פרידלעכע באוועגונג אויף רעוואָלוציאָנערע רעלסן. ווי נאָר די אָנהענגערס פון „בירגערלעכן פאסיוון ווידערשטאַנד" וועלן גייסטיק אָפּגעשוואכט ווערן, וועלן פארלירן די אויסגעהאַלטנקייט און איינהייטלעכקייט און זיך לאָזן אויפן וועג פון אקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די ענגלענדער — ווערט באלד די אויפגאבע פון די לעצטע מעכאַניש לייכטער; זעלבסטפארשטענדלעך, אַז צום קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערן איז די מאַכט און פּאָליציי פון דער מעכטיקער אימפעריע אָן און ערך בעסער צוגעגרייט איידער צום קאַמף מיט די גישט באוואָפנטע מענטשן, וועלכע זייגען מחנותוויין בראש מיטן אַלטן „פירער" געגאנגען אויף א „גישט געזעצלעכן" אופן צום ים נאָך זאלץ, געלייגט זיך אויף די וועגן און מיט אן אמת וואונדערבארער גבורהשאפט מקבל באהבה געווען די קלעפּ, וועלכע האָבן זיך געשאָטן אויף זיי פון דער פּאָליציי. אַזעלכע איז א חרפה צו שלאָגן און געווים פילט עס יעדערער אין ענגלאנד, אָנהויבנדיק פון קעניג און מאַקדאָנאַלדן ביזן לעצטן פּאָליסמאַן, וועלכער האָט גענומען אן אנטייל אין די מיאוסע געשעענישן אין באָמבעא אָדער אין פעשאַווער. דאָ שטייט שוין אויפן צד פון די גאנדיסטן דאָס געוויסן פון דער וועלט. וואָס איז שייך אָבער די רעוואָליוציאָנערן און קאָמוניסטן, איז דאָך אָפּגערעדט, אַז מיט זיי ווערט מען איינס און צוויי פארטיק. אַמער זיי אַליין גייען דאָך אויף אונדז מיט געווער.

אין דעם זין איז דאָך פול מיט אמת און וויכטיקייט די

בריוו פון גאנדין, וועלכע ער האָט אַוועקגעשיקט צום וויצעקעניג אין מאָמענט פון זיין אַרעסט:

„טייערער פריינט, איך פאַרשטיי זייער גוט די סכנה מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן דאָס אָנווענדן פון מיינע מעטאָדן, דאָס לאַנד וועט מיר אָבער שלעכט נישט פאַרשטיין. איך זאָג דאָס, וואָס איך קלער. צו האַלט איר דען בעסער פון אן אָפענעם אויפשטאַנד? די געשיכטע וועט באַשטעטיקן אין איר אורטייל, אַז די ענגלישע רעגירונג, נישט זייענדיק בכוח שלום צו מאַכן מיט די אופנים, וועלכע לייקענען אָפּ גוואַלדמעשים, האָט אַליין געשטויסן די מענטשלעכע נאַטור צו גוואַלדטאַטן מיט וועלכע איר איז לייכטער צו קעמפן".

די מעגלעכקייט פון איבערגיין פון א פרידלעכער אַקציע פון „נישט מיטאַרבעטן" צו אן אַקטיוון אויפשטאַנד איז תמיד געשטאַנען אַלס א סכנה פאַר דער גאַנדיסטישער באַוועגונג. און אָט די געפאַר איז געווען אָפּהענגיק נישט נאָר פון אויסן מצד די אָנהענגערס פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, נאָר אויך פון אינווייניק גופא מצד די וואַקלדיקע אָנהענגערס פון דער אידייע פון „נישט מיטאַרבעטן". די אַנצאָליקע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן מיט די ענגלענדער אין 1930 יאָר זיינען בלי ספק, געווען אַרויסגערופן הויפּטזעכלעך דורך די רעוואָלוציאָנערן. מ'קען דאָס אָבער נישט זאָגן וועגן די ערשטע עטאַפּן פון דער גאַנדיסטישער באַוועגונג אין אינדיע, וועגן דער צייט, ווען די חסידים פון גוואַלדטאַטן באַזונדערס די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען נאָך דאַן נישט געווען גענוג אָרגאַניזירט און נישט געלייגט קיין ספּעציעלן אכט אויף גאַנדיס זאַך. די גאַנדישע באַוועגונג האָט זיך אין יענער צייט אויסגע=

צייכנט מיט אַ סך אַ גרעסערער אויסערלעכער און אינערלעכער אחדות ווי איצט און האָט איז די אַקציע פון „נישט מיטאַרבעטן" איבערגעריסן געוואָרן אַ דאַנק דער נישט־אויסגעהאַלטנקייט פון אירע אנטיילנעמערס. די געשעענישן פון 1920—22 יאָרן זיינען אין דער הינזיכט זייער באַלערנד. צו זייער לעקציע דאַרף מען זיך גוט צוקוקן, כדי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט אָפּצושאַצן דעם פּרוּוו ביזן סוף.

און וואָס איז איינגעטלעך דאָן פאָרגעקומען? פאַרשיכורטע דורך דעם פאַנאַטישן גלייבן אין זייער אויפגאַבע, פאַרפאָלגן די גאַנדיסטן אָפט אָן רחמנות די אינדוסן, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צוצושטיין צו דער באַוועגונג פון „נישט מיטאַרבעטן". ס'זיינען געווען אַפילו פאַלן פון שלאָגן אַזעלכע פערזאָנען און פון ראַבעווען זייערע הייזער. די שנאה פון די „פרידלעכע רעוואָלוציאָנערן" צו זייערע אונטערדריקער־ענגלענדער גיסט זיך אָפט אויס אין די העסלעכסטע און אין שוין גאָר נישט קיין „פרידלעכע" פאָרמען. אַזוי, צום ביישפּיל, זעען מיר אין 1922־טן יאָר אין שטעטל שאורי־שאורא אין דער געגנט פון גאָראַק־פּורא, ווי די גאַנדיסטן ענטפערן אויף די אַטאַקעס פון דער ענגלישער פאָליציי מיט קאָנטער־אַטאַקעס, שטופּן אָפּ די פאָליציי־לייט, פאַרטרייבן זיי אין די קאַזאַרמעס און צום סוף צינדן זיי זיי אונטער צוזאַמען מיט די לעבעדיקע, וועלכע געפינען זיך דאָרטן. די אומגליקלעכע בעטן רחמים און קיינער הערט זיי נישט. די גאַנדיסטן, אָדער ריכטיקער געזאָגט די פּסעוודאָ־גאַנדיסטן פרייען זיך מיט דעם שרעקלעכן טויט פון זייערע שונאים און צורייסן אויף שטיקער דעם, וועמען ס'גע־

ליגנט אַרויסצושפּרינגען פון דעם פּרעגנענדיקן בּנין. אָט האָט
הייסט ,,פריהלעכע" באַוועגונג!

עס קומט דאָ אייגנטלעך פאַר דאָס, וואָס עס פּאַסירט
אָפט בּיי געוויינלעכע שטרייקן פון פּאָליטישן אָדער עקאָנאָמישן
כאַראַקטער, ווען די צוערשט פרידלעכע באַוועגונג ווערט פאַר-
וואַנדלט אין צוואַנגס-פאָרמען. דער חילוק אָבער באַשטייט אין
דעם, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי-פירער פרייען זיך גע-
וויינלעך, ווען די פאַרצווייפלטע אַרבּעטער גייען איבּער פון
שטרייק צו מעשים. להיפּך, גאַנדי האָט זיך דערבּיי גאָרנישט
געפרייט און ער האָט טאַקע דאַן געוויזן זיין גאַנצע אויסגע-
האַלטנקייט און גרויסקייט פון זיין נשמה. ווי באַוואוסט, האָט ער
גלייך פאַרבּאָטן די דורך אים פּראָקלאַמירטע אַלגעמיינע אַקציע
פון ,,נישט מיטאַרבּעטן" און גוזר געווען אויף זיך א לענגערן
תענית און די גאַנצע פאָרמעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר
דעם געשעענעם מיט דער ענגלישער רעגירונג האָט ער גענומען
אויף זיך און גאָר אויף זיך אַליין.

וואָס זשע פאַרא אויספירונגען קען מען מאַכן פון די
נישט געלונגענע פּרוּוון פון דער גאַנדישער באַוועגונג? יאָ,
זייער פּשוטע. מ'מוז מודה זיין, אַז די גאַנדישע מעטאָדן פון
פרידלעכן ווידערשטאַנד און פון ,,נישט מיטאַרבּעטן" באַרעכ-
טיקן זיך נישט, הן פּראַקטיש, הן מאָראַליש, ווען זיי
ווערן רעאַליזירט דורך מענטשן, וועלכע פאַרשטייען דאָס נישט,
זיינען איבּערלעד נישט צוגעגרייט און נישט דערוואַקסן צו זיי.
עס ווייזט זיך אַרויס, אַז יעדע מאַסן-אָפּעראַציע, כדי איר
דורכצופירן מיט דערפאָלג פאָדערט א מענטשן א באַוואוסטזי-
ניקן און מאָראַליש אַנטוויקלטן. אָן א מענטשן אין העכסטן

זין פון וואָרט און אָן אַן אינערלעכע זעלבסטדיסציפּלין מצד יעדן פון אונדז, וועלן די סאַמע שענסטע אונטערנעמונגען פון סאָציאַלן כאַראַקטער אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קעגנזאַץ און וועלן זיך פאַרענדיקן מיט אַ פולער, אינערלעכער און אויסערלעכער מפּלה.

וואָס זשע קומט דאָ פאָר? עס געשעט דאָס, וואָס טאָלסטאָי פון וועמען מיר „זיינען אַוועק", גייענדיק נאָך גאַנדין, שרעקט ווידער צוריק פאַר אונדז אין זיין גאַנצער גרויסקייט און מיר הויבן אָן ווידער צו שעצן און אַכטן זיין כּוח און באַדייטונג אַלס פּרעדיקער פון זעלבסט־שלמות. אמער די גאַנצע צע־שטויבטע מענטשלעכע געזעלשאַפט, מיליאָנען ענגלענדער, אינדוסן, רוסן און דייטשן זיינען נישט מער און נישט ווייניקער ווי באַזונדערע מענטשלעכע אינדיווידן און אויב יעדער יחיד שטייט נישט אויף דער געהעריקער אינערלעכער הויך וועט אויך דאָס לעבן פון גאַנצן ד. ה. פון דער גאַנצער מענטש־לעכער געזעלשאַפט צו אַזאַ הויך נישט דערגרייכן. פון מענטשן פעיקע, אָבער אַזעלכע, וועלכע קענען אַמאָל פאַרברענגען לע־בעדיקערהייט זייערע ברידער, וועסטו קיין אידעאַלע געזעל־שאַפט נישט אויפבויען.

אויף אַזאַ אופן נעמען מיר אָן גאַנדין נאָר מיט דער גייסטיקער אויסבעסערונג פון טאָלסטאָיען. מיר גייען ווייטער ווי עס האָט אונדז אָנגעוויזן טאָלסטאָי: מיר זאָגן זיך נישט אָפּ פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, אָבער פון טאָלסטאָיס הויפּט־פאָדערונג — פון דעם געזעץ פון זעלבסט־שלמות — קענען מיר זיך בשום אופן נישט אָפּזאָגן. דער וועג פון סאָציאַלן קאַמף

דאַרף אומבאַדינגט ביי יעדערן פון אונדז זיין פאַראייניקט מיטן וועג פון פערזענלעך-מאָראַלישער זעלבסטפאַרפולקאָמונג.

די אַרבעט פון זעלבסט-שלמות, די אַרבעט איבער דער אייגענער נשמה איז נישט אַזאַ ענין „וואָס מ׳קען יאָ טאָן און מ׳קען נישט טאָן" להיפך, „נאָר די אַרבעט איז די וויכטיקסטע און אַלע איבעריקע זיינען נאָר דאַן וויכטיק, ווען עס ווערט געטאָן די עיקר-אַרבעט".

וואָס איז שייך אין אַלגעמיין יעדער „נישט מיטאַרבעט" צווישן אַנדערע למשל, דאָס אָפּזאָגן זיך פון מיליטער-דינסט, איז דעם אמת זאָגנדיק אַזאַ אַקט פולשטענדיק אינערלעך באַרעכטיקט נאָר אין דעם פאַל, ווען ער קומט פאָר אַזוי צו זאָגן „לויט טאָלסטאָיען" ד. ה. דורך אַ פולשטענדיק גייסטיק-רייפן מענטשן, וועלכער איז טיף איבערצייגט, אַז אַנדערש קען ער נישט האַנדלען. נאָר דאַן קענען סיי דער, וואָס פירט אים אַדורך, סיי זיינע נאָענטע זיין גאַראַנטירט, אַז אַזאַ אַקט, אַזאַ זשעסט פון שלום און ברידערלעכקייט וועט נישט פאַרוואַנדלט ווערן ביי די אָדער יענע באַדינגונגען אין אַ סתירה. נאָר דאַן קען דער אויספירער מקבל באהבה זיין אַלע קרבנות און יסורים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט זיין האַנדלונג און אַפילו דעם טויט אַליין.

צו קען מען אַריינפירן די מאַסן אין אַן אַקציע פון „בירגערלעכער פּאַסיווקייט", ווען עס איז נישטאָ קיין זיכער-קייט, אַז זיי זיינען גרייט צו דעם אינערלעך, אַז זיי וועלן נישט פאַרקריפּלען די אַקציע ד. ה. ביז דער לעצטער רגע וועלן זיי נישט אָנווענדן קיין געוואַלדטאַט? צו קען מען זיך לאָזן אויף דעם וועג אַפילו ביי דער איבערצייגונג, אַז אַנדערש דראָט

א סכנה פון גוואלד-רעוואָליוציע? אָט דאָס איז די הויפּטשאלה פאר דער אידייע פון „גאַנדיזם".

איך פערזענלעך לאָז די פראגע אָפן. גיכער פון אלץ קען די לעזונג זיין פארשיידן, אָפּהענגיק פון דער צוגרייטונגס-מדרגה פון די מאַסן און אַנדערע פאַרהעלטענישן. מעגלעך, אַז גראָדע גאַנדי האָט געהאַט גענוג יסודות פאר זיין לעצטן גרויסן אַרויסטריט*). וואָס איז נוגע דעם מצב ביי אונדז אין אייראָפּע, מיין איך אַז די חסידים פון דער אינדישער אידייע דאַרפן זיך אפשר באגרענעצן ביז א באשטימטער צייט, מיט איין גענוג וויכטיקער אויפגאבע: פאַרבאַרייטן די מאַסן צו דער צוקינפטיקער אַקציע פון פרידלעכן ווידערשטאַנד, אַנדערש גערעדט א פארשטאַרקונג פון דער בילדונגס-אַרבעט אין א באשטימטער ריכטונג — אין דער ריכטונג, אין וועלכער קיין איין פארטיי ביז איצט פירט נישט, ווייל עס איז נישטאָ קיין

*) דעם 20-טן פעברואַר 1930 האָט גאַנדי געשריבן אין דער „יונגער אינדיע": „פאַר מיר איז נאָך קיינמאָל אַזוי קלאָר נישט געווען, אז די נישט צוגעגרייטקייט אויף אויפצונעמען דעם גייסט פון גוואַלד-מעשים וועט אין עתיד זיך פאַרגרעסערן. די יוגנט איז אומגעדולדיק. איך ווייס, אַז אַ סך האָבן דערשטיקט אין זיך זייערע שטרעמונגען צו גוואַלדטאט נאָר דערפאר, ווייל דער קאָנגרעס פון 1921 יאָר האָט באַשלאָסן צו דערקלערן אַן אַלגעמיינע „אומגעהאָרכזאַמקייט". דעם 2-טן מאַרט 1930 האָט גאַנדי געשריבן צום וויצע קעניג: — מיין ציל איז צו ברענגען צום אויסדרוק דעם מעטאָד פון פרידלעכן קאַמף, הן קעגן דעם אָרגאַניזירטן צוואַנג פון דער ענגלישער אָנפירונג, אַזוי אויך קעגן דעם אַלץ וואקסנדן נישט אָרגאַניזירטן כח פון די אָנהענגערס פון קאַמף דורך גוואַלדטאַטן. זיצן אָבער מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן, דאָס וואָלט געגעבן אַ גרונט ביידע צדדים, אַז זייערע געמיטער זאָלן זיך נאָך מערער צעפלאַקערן. האָבנדיק דעם בעסטן גלויבן אין גוואַלדלאָזן קאמפס-מעטאָד, ווי איך פאַרשטיי אים, וואָלט געווען אַ פאַרברעכן פון מיין צד צו וואַרטן אויף ווייטערדיקע געשעענישן.

איין פארטיי, וועלכע זאָל נישט אנערקענען קיין גוואלד אָנווענדונג. פריער פון אַלץ דאַרף מען זיך דערשלאָגן צו דער אנערקענונג פון רעיון פון גוואלדלאָזיקייט, א רעיון, וועלכער איז, צום באַדויערן אין 1900 יאָר נאָך כריסטוס געבליבן געגנוג פרעמד דער מענטשהייט.

בכלל וואָלט אַזא אַרט קולטורעלע אויפקלערונגס=ארבעט באַדאַרפט געפירט ווערן אין איינקלאַנג מיט דער פראַקטישער דורכפירונג פון דער אַקציע פון „נישט מיטאַרבעטן".

נאָך עטלעכע ווערטער וועגן די „איגערלעכע שוועריקייטן", וועלכע שטייען פאַר דער באַוועגונג.

יעדע אָרגאַניזירטע פּאָליטישע מאַסן=ארבעט אפילו אַזא ווי גאַנדיס, וועלכע טראָגט א פרידלעכן כאראַקטער איז שטענדיק פארבונדן מיט אַ געפאַר נישט נאָר פארן גורל פון דער ארבעט גופא, אָפּהענגיק פון דעם, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין די מאסן, נאָר אויך מיט אַ געוויסער פּסיכאָלאָגישער סכנה פאַר די פירערס אליין. דער געגארטער ציל באַהערשט אויף אַזוי פיל דעם פירער, אז ער איז גרייט אַפילו אַמאָל צו ענדערן די מיטלען. א פירער פון לעניגס הדר וועט קיינמאָל זיך נישט שטעלן די פראגע, וועלכע מיטלען זיינען גוט און וועלכע נישט. אַלע זיינען גוט, אַבי צו דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל.

א גייסטיקער פירער פון טאָלסטאָיס טיפּ וועט זיך בעסער אָפּזאָגן פון יעדן קאַמף, אַבי נישט ווערן אויפגעפרעסן דורך די מיטלען. ווידער גאַנדיס לאַגע איז אין דער הינזיכט שווערער פון אַלע. פון קאַמף וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן און פאנאנדערקלייבן זיך אין מיטלען איז האָד אָפּט אַזוי שווער.

און אין דער ווירקלעכקייט קומט דען גאַנדין נישט אוים אַמאָל צו פילן שוועריקייטן ביים אויסוואַל פון מיטלען? צו שטייט נישט אַמאָל אָט דער פארברענטער קעמפער פאר פרייהייט און אומאָפהענגיקייט פון זיין פאָלק פאר א נסיון פון איבערגיין פון פרידלעכע קאַמפּס-מעטאָדן צו מער ראדיקאַלע-רע אָדער לכל הפחות געבן זיין הסכמה אויף אַזוינס, וואָס עס דערלויבט זיך דער צד שכנגד? צום באַהויערן, איז דאָס געווים אַזוי. נאָכדעם אַלעמען, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן וועט דאָס אונדז פארחידושן. מיר קענען אָבער פארבייגיין דעם פאַקט. אין דער הינזיכט איז דער ביישפיל פון „פרידלעכן רעוואָ-לוציאָנער" גאַנדי זייער באַלערנד. און דאָ מוזן מיר ווידער דערמאָנען דעם עקשנותדיקן און שטרענג אויסגעהאַלטענעם טאָלסטאָיען.

ווען איין פרט פון גאנדים פאָליטישער טעטיקייט דהיינו: זיין אונטערשרייבן א פאָדערונג צום וויצע קעניג, וועלכע איז געווען א סתירה צו די גרונט יסודות פון גאנדיזם, צו דערלויבן די אינדוסן זיך צו באוואָפענען אַלס זעלבסט-שוץ האָב איך שוין דערמאָנט. מ'קען נאָך אויסזוכן נאָך אייניע-צוויי אַזעלכע קלייניקייטן אין גאנדים מעשים*).

*) לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה האָט גאַנדי אַגיטירט אין אינדיע צו שטיצן ענגלאַנד און העלפן איר ווערבירן סאָלדאַטן. די לאַגע פון ענגלאַנד איז דאַן געווען אַ שווערע און זי האָט צוגעזאָגט אינדיען געוויסע רעפאָרמעס. „די צוקונפט פון אונזער באַפרייונג ווערט געלייזט אין פראַנקרייך: איך ראָט דעריבער אונזער לאַנד אָן וועלכע עס איז תנאים צו קעמפן צוזאמען מיט ענגלאַנד". דאָס זיינען ווערטער פון איין מאַ-ניפעסט פון גאַנדין פון יענער צייט. אַמער דאָס איז דאָך געשריבן און אַרויסגעזאָגט געוואָרן שוין נאָך דער חענדונג פון גאַנדין צו טאָלסטאָיען אַלס זיין „איבערגעגעבענער אָנהענגער".

דער „לייטזעליקער" גאַנדי קען אַמאָל אויך ווערן אין כעס, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן ווען ער אַ שטאַרק פּאַרטאָגנער אין קאַמף אָדער אַ צעצאָרנטער פון די מפּלות (ווייל ער גלויבט הייליק־פאַנאַטיש אין זיין זאַך) פאַרלירט אַזוי ווי זיין גלייכגעוויכט און עס רייסן זיך אַרויס פון זיין מויל ווערטער, וואָס איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס זיינען גאַנדיס. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַ טראַגעדיע פון אַ מענטשן אָדער נישט קיין אויסגעהאַלטנקייט פון אַ דענקער? ס'איז שווער צו געבן אַן ענטפער. ס'איז אָבער זייער מעגלעך, אַז ניכער פון אַלץ איז דאָס ערשטע.

אין זיינע אַרטיקלען, געדרוקטע אין יאָר 1928 און אין פעברואַר 1929 אין דער „יונגער אינדיע" האָט גאַנדי, גאַנץ אומגעריכטערהייט פאַר זיינע אָנהענגערס, זיך אויסגעדריקט, אַז אויב די מערהייט פון זיין פאָלק וואָלט געוואָלט זיך באַפרייען פון פרעמדן יאָך דורך גוואַלד מעשים, וואָלט ער זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם רוב. „איך פיל—ענטפערט ער דערביי אויף אַ שריפטלעכן פאַרוואָרף פון טאָלסטאָיס אַלטן פריינט טשערטקאָוו פון מאָסקווע — אַז כ'שטרעב צו שלום דורך אַזעלכע וועגן, וועלכע זיינען פרעמד מיינע אייראָפעישע פריינט. איך געהער צו אַ לאַנד, וועלכע איז דורך גוואַלד אַנטוואָפנט געוואָרן און געפינט זיך אונטער אַ שווערן יאָך אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער. מיינע אָנשויונגען אויף שלום זיינען דעריבער אַ ביסל אַנדערע ווי זייערע". און ווייטער ברענגט גאַנדי, מאַהאַטמאַ גאַנדי, אָט דער גאַנדי, וועלכן איך שטעל אַרויס ווי עפּעס אַן אַנטפּלעקונג, אַן אייגנהאַרטיקן סאָפיסטישן ביישפּיל וועגן מייז, וועלכע האָבן זיך נישט באַ=

פּרידיקט מיט פּרידלעכע מיטלען אין קאַמף מיט דער
פּרעסערקע=קאַץ און האָבן סוף כּל סוף באַשלאָסן אָנצווענדן
גוואַלדמאַט. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז גאַנדי, דער גרויסער גאַנדי,
וועלכן מיר זײַנען געוווינט געווען צו זען אינגאַנצן אין אַנדערע
פּאָזיציעס, סימפּאַטיזירט אייגנטלעך אָט מיט דער מיליט=
פּסיכאָלאָגיע. „און אויב, — זאָגט ער — מײַנע אייראָפּעישע
פריינט, די אַבסאָלוטע קעגנערס פון מלחמה, ווילן אויפטאָן
עפּעס א גוטע זאַך, טאָ זאָלן זיי פּרובירן שאַפן אַזאַ געזעל=
שאַפטלעכע מיינונג, וועלכע וואָלט געצוווּנגען ענגלאַנד אָפּצו=
טרעטן און אָפּשטעלן דאָס פּסהרדיקע רויבן פון אינדיע".

געוויס קלינגען מאָדנע אַזעלכע ווערטער אין מויל פון
דעם שלום=מאַכער גאַנדי, דאָ, ווייזט אויס, האָט דער גאַנדי=
שער נאַציאָנאַליזם אים אָפּגעטאָן א שפּיצל. ס׳קומט אויס, אַז
צוליב באַפרייען אינדיע, קען מען אויך מלחמה האַלטן.
פּאַקטיש האָט נאָך גאַנדי גאָרנישט אַזוינס געטאָן, ס׳איז אָבער
געוואָרפן געוואָרן דאָס פּאַרפירעריש וואָרט, די מעגלעכקייט
פון הולדן גוואַלד=מעשים און באַשטימטע פאַלן איז שוין אָנ=
געמערקט. ס׳ווילט זיך גלויבן, אַז דאָס איז געווען עפּעס א
טעות פון גאַנדיס זייט, עפּעס א צופעליקע מיספאַרשטייעניש
אין זײַן פּובליציסטישער טעטיקייט, ווײַל אויב גאַנדי איז טאַקע
אין דער ווירקלעכקייט געגייגט צו אַזאַ שריט, ד. ה. באַרעכ=
טיקן גוואַלדטאַט כּדי צו דערגרייכן די נאַציאָנאַלע באַפרייונג
פון לאַנד, וואָלט דאָך דאָס אייגנטלעך געווען זײַן פּולשטענ=
דיקער גײַסטיקער חורבן. גאַנדי אַלס אַן אייגנאַרטיקע דער=
שײַנונג פון דעם וועלט=סדר, וואָלט דאַן אינגאַנצן אויפגעהערט
צו עקזיסטירן. אין דער אמתן טאַקע, נאַציאָנאַליסטן און רע=

וואָליוציאָנערן זײַנען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ סך און גאַנדי איז דאָך נאָר אײנער אין זײַן דור.

אויף אַזאַ אופֿן זעען מיר, ווי שטאַרק ס'איז דער טײַוול פֿון גוואַלד אײַנוועטנדונג, אַז אַפֿילו די גרעסטע קעגנערס זײַנע קענען אויך נישט בײַשטײַן דעם נסיון און זיך אים אַנטקעגנשטעלן. ס'דאַרף, פֿאַרשטײט זיך, זײַן אויך אַזעלכע קעגנערס פֿון גוואַלדטאַט, וועלכע וועלן זיך קײנמאָל נישט אונטערגעבן, וועלכע וועלן בלײַבן טרײַ זײַער אידעאַל ביזן סוף. דערבײַ וועט זײ צו הילף קומען זײַער שטאַרקע רעליגיעזע זיכערקײט אין דער העכסטער חשיבות פֿון דער פּערזענלעכקײט און לעבן פֿון מענטשן, וועלכע קענען נישט צעטראָטן ווערן אין פּאָליטישן און אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

און אַזױ רעזומיר איך:

— איך בין נישט מיט טאָלסטאָיען אויף וויפֿל ער לייקנט אָפּ די נויטיקײט פֿון אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפֿטלעכן כּוח אויף צו באַפֿרײַען די מענטשהײט, אָדער די פֿאַרקנעכטעטע טייל אירע.

איך האַלט נישט מיט לעניגען, אויף וויפֿל אים גײט גאָרנישט אָן די מענטשלעכע פּערזענלעכקײט און איז גרייט אין נאָמען פֿון דער רעוואָלוציע יעטווידע בלוט־פֿאַרגיסונג.

איך בין נישט מיט גאַנדין, אויף וויפֿל זײַן אידעאַל — לכל הפּחות ביז איצט באַגרענעצט זיך נאָר מיט דער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג פֿון אינדיע און אַרונטערפֿאַלנדיק דערבײַ דער פּאָליטישער השפּעה פֿון זײַנע פֿרײַנט, די אינדישע נאַציאָנאַליסטן, ווײַזט ער אַרויס אַ געוויסע וואַקלעניש אין דער פֿראַגע פֿון נישט דערלאָזן צו גוואַלד מעשׂים.

איך האָלט אָבער מיט טאָלסטאָיען אויף וויפל ער שטעלט פעסט, אז אָן אן אינערלעכע פאַרפולקאָמונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט איז נישט מעגלעך קיין גרינטלעכע און פונדאַמענטאַלע סאָציאַלע לעבנס־פאַרבעסערונג.

איך בין מיט לענינען, אויף וויפל ער פאָדערט א באַוווסטזיניקע ענערגישע געזעלשאַפטלעכע אנשטרענגונג אויף צו באפרייען די אַרבעטנדיקע מאַסן פון עקספּלואטאציע און אויף צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן און גייסטיקן מצב.

און צום סוף בין איך מיטן גאנצן האַרצן מיט גאַנדין, אויף וויפל אים האָט זיך דער ערשטן אין דער געשיכטע איינגעגעבן אויפצוהייבן און פאַרייניקן גרויסע פאָלקס־מאַסן אין א לעבעדיקער, מעכטיקער און גלייכצייטיק פאַסיווער קאַמפס־באַוועגונג קעגן דער אונטערדריקונג און פאַרקנעכטונג פון פאָלק. ער איז דער ערשטער פּיאָנער אויף די נייע וועגן פון א פרידלעך גייסטיקער רעוואָלוציע, וועלכע עס אנטדעקט זיך פאַר דער מענטשהייט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָבלעם פון פרידלעכן ווידערשטאַנד, די פּראָבלעם פון „נישט מיטאַרבעטן" אַלס א מעטאָד פון פּראַקטישער טעטיקייט, נויטיקט זיך אין א ספּעציעלער און מער פרטיותדיקער באהאנדלונג ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם קליינעם חיבור. דאָס איז אָבער נישט אריינגעגאַנגען אין מיין איצטיקער אויפגאַבע. מיר האָט זיך נאָר געוואָלט דורך דעם אנטקעגנשטעלן פון אָט די דריי נעמען, די דריי וועלטבאַנעמונגען, אַרויסרוקן די פּראָבלעם גופא, צונרייטן און אָפּרייניקן אַן אָרט פאַר איר אין באַוווסטזיין פון לייענער.

עס איז, פארשטייט זיך, אלץ אָפּהענגיק פון דעם, ווי מיר באַציען זיך צו גוואַלדטאַטן, פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו. איך פערזענלעך גלויב, אַז דער מעמד פון גוואַלדטאַט האָט אין סאָציאַלע פאַרהעלטענישן קיין שום באַרעכטיקונג ניט הן פון שטאַנדפּונקט פון העכער מאָראַל, הן פון שטאַנדפּונקט פון געוויינלעכער ראַציאָנעלקייט. אַנדערע דענקען אַנדערש. איבערצייגן זיי איז ניט פון די לייכטע זאַכן. כ׳רעכן אָבער, אַז די פראַגע דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אויף צו באַהאַנדלען. זי איז ווייט ניט אַזוי קלאָר, ווי ס׳דוכט זיך אייניקע און וועט זיכער ניט געלייזט ווערן לטובת גוואַלדטאַטן.

דער מענטשלעכער געדאַנק איז בכלל זייער קאָנסערוואַטיוו. גאַנץ אָפט קלערן מיר און טוען נאָר לויט דער אינערציע. „אַזוי איז געווען — אַזוי וועט זיין", „אַזוי האָבן שטענדיק געלעבט און געטראַכט אונדזערע אבות אבותינו (אָדער אונדזערע חברים) אַזוי ווילן אויך מיר לעבן און טראַכטן". לענין איז אין תוך גענומען אריינגעפאַלן אין גאַנג פון דער אַלגעמיין אָנגענומענער מיינונג, פון אַלגעמיינע געוווינהייטן בעת ער האָט פאָרגעלייגט נאָר מיט גוואַלד צונעמען דאָס איבער וואָס אַנדערע האָבן געהאַט די ממשלה. וואָס איז דאָס אייגנטלעך געווען פאַר א נייס? אַזוי איז געווען שטענדיק אין אינטערנאַציאָנאַלע און אין סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. דער פּרינציפּ פון גוואַלד־מעשים האָבן אָנגענומען אַלע, הן די שטאַרקע, הן די שוואַכע, סיי די, וואָס האָבן פאַרגוואַלדיקט, סיי די וואָס זיינען געווען פאַרגוואַלדיקט און קיינער האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט און ניט פּראָטעסטירט קעגן אים אַלס אַ פּרינציפּ. אָט פאַרוואָס ניט נאָר דער אַרבעטער, נאָר אַפילו

יעטווידן בורזשוא איז א סך לייכטער צו פארשטיין לענינען ווי גאנדין. דער בורזשוא האט פיינט לענינען, אבער ער פארשטייט אים. להיפך גאנדין פארשטייט ער לחלוטין נישט. פארוואס? דערפאר ווייל מיט גאנדין טרעט ארויס אויף דער סצענע לגמרי א נייער געדאנק, א באמת נייער און רעוואלוציאנערער, וועלכער צעשטערט אלע אלטע, איינגעבירגערטע באגריפן סיי פון ארבעטער סיי פון בורזשוא.

עס ווערט פון אלעמען אנערקענט די נישט יושרדיקייט פון דער עקזיסטירנדיקער ארדנונג. עס ווערט פון קיינעם נישט אפגעלייקנט די אומפארמיידלעכקייט פון קאמף צווישן באזונדערע גרופן. עס ווערט אבער אלע צדדים פארגעלייגט צו שאנעווען אין קאמף נאר איינס: דעם מענטשן. דאס מענטשלעכע לעבן איז הייליק און אומבארירבאר. די מענטשהייט איז אויף אזוי פיל אויסגעוואקסן, אז ביי דער לייזונג פון זייערע פארשיידענע שטרייט־פראגן זאל מען זיך קענען באגיין אן הריגות און איבערהויפט אן לענאלע, קאלעקטיוו־באוווסטזיניקע און פלאנמעסיק־צוגעגרייטע שחיטות.

קאמף, רעוואלוציע, נאר נישט אזעלכע, וועלכע מאכט בעפרא דארעא די גאנצע חשיבות פון מענטשן און צעשטערט דעם ווערט פון אלע רעוואלוציאנערע דערגרייכונגען. דער קאמף פאר א בעסערן עתיד פאר די אונטערדריקטע דארף געפירט ווערן דורך אלע מיטלען און קודם כל דורך נישט אונטערגעבן זיך די אונטערדריקערס, אבער נישט דורך צונעמען דאס לעבן ביי די מיטמענטשן.

כ'תזור איבער, אז דאס איז נאך ניי. נישט אנגעמבאר פארן באוווסטזיין פון דעם רוב בנין ומנין פון דער היינטציי־

טיקער מענטשהייט, לויט דער מאָראַלישער הויך ווי זי שטייט לעת עתה. ס'רוב האַלט זיך נאָך ביי אן אנדער מיינונג. יעטווידע מוטער וועט גיכער שלום מאכן מיטן טויט פון איר זון אויף דער מלחמה,* איידער מיט א יאָר טורמע פאַר אָפּזאָגן זיך פון מיליטער־דינסט צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען און קאַליע מאַכן אַזוי אַרום די לעבנס־קאַריערע. די גאַנצע וועלט אנטציקט זיך פון רעמאַרקס בוך, אָבער מאַכן פון דעם די נויטיקע מסקנות וויל קיינער נישט.

די לאַגע איז פון אונדזער שטאַנדפּונקט דאָך נישט אינגאַנצן האָפנונגסלאָז. די וועלט מלחמה און די באָלשעװיסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן א סך אויסגעלערנט די, וועלכע זיינען געוווינט צו דערוואַרטן אַלץ פון גוואַלדטאַטן. אין 1914 יאָר זיינען די אַזוי גערופענע „רעכטע" געווען א סך רעכטער ווי איצט און אין 1917 זיינען די אַזוי גערופענע „לינקע" געווען א סך לינקער ווי איצט. הן די, הן די צווייטע האָבן זיך אויסגעגלייכט אויף איינעם: אויף זייער גלויבן אין גוואַלדטאַט.

איך מיין, אַז איצט לעבט די מענטשהייט איבער א באַזונדער פאַראַנטוואָרטלעכע צייט. איר שטייט ווידער פאַר א פרישער אויסוואַל: מיט וועלכן וועג צו גיין? מיטן וועג פון גוואַלדטאַט אָדער מיטן וועג פון אָפּזאָגן זיך פון דעם? מיטן וועג פון לעניגען, אָדער מיטן וועג פון גאַנדי־טאָלסטאָי?

דער גורל פון די צוקונפטיקע דורות איז אָפּהענגיק פון דעם, וואָס מיר וועלן אויסקלייבן. — איצט — זייגען מיר מיט אייך.

בײלאגע

אינטערנאציאנאל פון מלחמה-קעגנערס
(War Resisters' International)

אויפרוף

,,די מלחמה איז א פארברעכן קעגן דער מענטשהייט. מיר האָבן דעריבער באשלאָסן נישט צו שטיצן קיין שום מלחמה און קעמפן פאר דער באזייטיקונג פון אלע סבות, וועלכע רופן איר אַרוים".

פארבינדונג מיט 56 לענדער.

אָרגאניזירטע גרופן זיינען פאראן אין:

ענגלאנד	אווסטראליע	טשעכאָסלאָוואקאי
בולגאריע	די שווייץ	ניי-זעלאנד
שווייצאריע	פראנקרייך	רוסלאנד
עסטרייך	אירלאנד	פינלאנד
איטאליע	בעלגיע	אונגארן
דאַניע	רומעניע	פוילן
פאראייניקטע שטאַטן	האָלאנד	

אין אכט לענדער זיינען זיך איניקע אידייען פריינט מקריב פאר זייערע איבערצייגונגען און שמאַכטן אין די טורמעס.

פראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין: ,,אין פאַל פון א מלחמה וואָלט איך זיך באשטימט אָפּגעזאָגט פון וועלכער עס איז דירעקטער אָדער אומדירעקטער מלחמה-דינסט און וואָלט איך פרובירט מיינע פריינט צו דעם באוועגן, אומאָפּהענגיק פון אורטייל וועגן די סבות פון דער מלחמה".

יעדער מיטגליד פון „אינטערנאַציאָנאַל פון מלחמה=קעגנערס” איז איבערצייגט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט, ווען ער קען זיך אָפּזאָגן פון אנטייל צו נעמען אין יעדער אַרט מלחמה אָדער צוגרייטונג צו איר און מיט דעם אַליין וועט ער אַמבעסטן דינען דער מענטשהייט; אַז מיט זיין ביישפיל פון פולער אינדיווידועלער אַנטוואָפענונג וועט ער דער מענטשהייט א סך מערער געבן ווי אלע פרווון פון וואָפן=באַגרענצונגען דורך קעגנזייטיקע אָפּמאַכן.

עמיצער דאַרף דאָך זיין דער ערשטער. דער וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיליטער=דינסט, האָט דערמיט אַליין באַשלאָסן צו זיין דער ערשטער.

וועגן אַלע אָנפראַגעס זיך ווענדן צום גענעראַל=סעקרעטאַריאַט:

War Resisters' International

11 Abbey Road

Enfield, Midd lesex

England.